STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05893

LIDER

Selik Axelrod

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זעליק אַקסעלראָד

ל י ד ע ר

(ז אַ מ ל ו נ ג)

מיט אַן אַריינפיר
פון
נחמן מייזיל

ניו־יאָרק

ZELIK AXELROD

POEMS

Published by

YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

1961

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון:
דר. ל. שאַצאָוו (ניו־יאָרק)
ש. און כייקע דאַווידסאָן (פילאַדעלפיע)

PRINTED IN THE U.S.A.

209

אינהאַלט

זייט

נחמן מייזיל — זעליק אַקסעלראָד און זיינע קריטיקער 5

לידער פון זעליק אַקסעלראָד

זוכט אַלץ נאָך 37
שטייט אַ שטאָט 37
אין בלוט פון לייב 38
מיין ערשטע ליד 39
אַלטע היים 40
זומערדיקע נאַכט 41
האָט אַמאָל מיין זיידע 42
אַט דער ברעג 42
קיינער וויל ניט 43
גוט זיינען 44
ווי אַלע קינדער 45
דער פרילינג איז אַוועק 46
זיי געבענטשט 47
מיין חבר איזי כאַריק 48
איך בין געפאָרן רוען 51
אַ רעגן 51
שאָד 52
זאָל זיין געבענטשט 53
מאַיאַקאָווסקי 54
זעגענונג 56
אויף דער וואַך 57
איך קום אין געסט 60

אָט אַזוי מיר טראָגן זיך 61
א. לונאַטשאַרסקי 62
האַרבסט 64
ניי־יאָר 65
פושקינען 66
מאַדריד 68
יוגנט 69
צום לעצטן מאָל 71
פאַראַן אַ בענקשאַפט 73
איך האָב געזען 75
פאַראַן איז פריינטשאַפט 76
מען זאָגט מיר 77

נחמן מייזיל

זעליק אַקסעלראָד און זיינע קריטיקער

1

עס האָט זיך שוין אַזוי איינגעשטעלט ביי אַנ־דערע פעלקער און ביי אונדז, יידן, אַז אין פאַרשיידענע תקופות ווערן אויסגעטיילט אין דער ליטעראַטור־קריטיק און אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג בלויז איי־ניקע געציילטע שרייבער און קינסטלער, וואָס זיי שענקט מען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און אויף זיי שטעלט מען אָן די שטאַרקסטע ליכט־פּראָזשעקטאָרן, און די אַלע איבעריקע קינסטלער לאָזט מען אין שאָטן, מען דערמאָנט זיי ווייניק און אין בעסטן פאַל, נעמט מען זיי אַריין אין די גאַרנישט זאָגנדיקע ווערטער „און אַנדערע"...

דאָס נעמלעכע זעען מיר, ווען מיר באַטראַכטן און באַהאַנדלען דאָס פאַרשיידנאַרטיקע און אייגנאַרטיקע דיכטערישע און פּראָזאאישע יידישע שאַפן אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד. מיר ווייסן די עטלעכע גוט־באַקאַנטע נעמען, ווי אשר שוואַרצמאַן, דוד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, איזי כאַריק, א. קושניראָוו, ע. פינינבערג, משה קולבאַק און שמואל האַלקין. מיט אָט־דעם מנין סאָוועטיש־יידישע דיכ־טער איז אַזוי גוט ווי אויסגעשעפּט די גרויסע יידישע דיכטער־משפּחה אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָבער מען דאַרף וויסן, אַז אויסער די דערמאָנטע זיינען געווען נאָך און נאָך אינטערעסאַנטע דיכטער, וואָס האָבן אין די „זיבן גוטע יאָר" פונעם לעבן פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרעפנטלעכט פּרעכטיקע ווערק פון גרויסן געזעלשאַפטלעכן און קינסטלערישן באַטייט, און זיי זיינען דעריבער ווערט, מען זאָל אַרויסברענגען זיי און זייערע דיכטערישע אויפטוען פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט.

האָט מען פיל געהערט וועגן דעם סאָוועטיש־יידישן דיכטער זעליק אַקסעלראָד? האָט מען געוואוסט ביי אונדז וועגן זיין דיכטערישן גאַנג און אינטערעסאַנטן וועג, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט און וועגן די שטריכן, וואָס זיינען פאַרגעקומען אַרום זיינע לידער? און ווייסן מיר פיל וועגן זיין לעבן און וועגן זיין פריצייטיקן טראַגיש־גרויליקן טויט?

פון דעם ווייסרוסישן שרייבער־לעקסיקאָן דערווייסן מיר זיך, אַז זעליק אַקסעלראָד איז געבוירן געוואָרן דעם 30־טן דעצעמבער 1904, אין מאָלאָדעטשנע. ער האָט זיך געלערנט אין פאָלקסשולן אין ראַדישקאָוויטש און אין טאַמבאָוו, דערנאָך האָט ער שטודירט אין ליטעראַרישן אינסטיטוט א״נ פון וו. בריוסאָוו און אויך אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויף לענינס נאָמען אין מאָסקווע. עטלעכע יאָר האָט ער געאַרבעט אין אַ קינדערהיים. שפּעטער געווען רעדאַקטאָר אינעם ווייסרוסישן יידישן מלוכה־פאַרלאַג. ער איז געשטאָרבן, ווי זיי גיבן אָן, אין 1941. דאָס גאָר!

ס'זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאָלגנדיקע לידער־ביכער זיינע:

1. צאַפּל, קיעוו, 1922, 30 זייטן.
2. לידער, מינסק, 1932, 136 ז״ז.
3. און ווידער לידער (1932־1934), מינסק, 1935.
4. אויג אויף אויג (1924־1935), מינסק, 240 ז״ז.
5. לידער, מינסק, 1938, 48 ז״ז (פאָלקס־אויסגאַבע).

ער האָט אויך איבערגעזעצט אַ פּיעסע אין פערזן פון א. אַלעקסאַנדראָוויטש „דראַנג" (1933) און נ. נעקראַסאָווס „די אייזנבאַן", 1939, — ביידע דערשינען אין מינסק.

אין פאַרגלייך מיט אַנדערע סאָוועטיש־יידישע דיכטער איז זיין שאַפערישער פאַרמעגן פאַר 20 יאָר נישט קיין גרויסער. אָבער דאָך האָט ער אינעם גרויסן כאָר סאָוועטיש־יידישע זינגער זיך שטאַרק אויסגעטיילט. בעיקר — מיט זיין גאָר איינגאַרטיקן אופן פאָלאָ־זינגען. אין די כאַראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַצונ־

גען וועגן זיין דיכטערישן שאַפֿן האָבן מיר גאַנץ ווי־דערשפּרעכלעכע מיינונגען. ער איז געווען אַלע יאָרן אַ פּראָבלעם פֿאַר דער קריטיק. מען האַלט אויף אים אַן אויג, מען האָט צו אים שטאַרקע טענות און דאָך פֿאַרערט מען אים. ער שטייט כסדר אין „מזרח־וואַנט" פֿון דער דיכטונג. און ווען ער, אַקסעלראָד, האָט זיך גענומען ענדערן, האָט מען הנאה געהאַט און געלויבט זיין נייעם דיכטערישן גאַנג, אָבער די גאַנצע צייט מיט אַן „אָבער"...

מיר וועלן גיין פֿאַמעלעך און זען, ווי די סאָ־וועטיש־יידישע קריטיקער האָבן אויפֿגענומען אים און זיין דיכטערישן שאַפֿן, ווי זיי האָבן רעאַגירט אין פֿאַר־שיידענע צייטן אויף זיינע לידער, וועלכע זיינען אין תּוך געווען ניי און אַנדערש פֿון דעם רוב דיכטערישע שאַפֿונגען. און ס'איז אינטערעסאַנט: אַנגעזעענע קרי־טיקער זיינען אָפֿט געקומען אים טאַדלען, מאַכן אים פֿאַרוואורפֿן, אָבער באַהאַנדלענדיק זיינע אייגנאַרטיקע לידער, האָבן זיי אים געלויבט און דערביי אַרויסגע־רוקט זיינע ספּעציפֿישע קוואַליפֿיקאַציעס און דיכטע־רישע מעלות טובֿות. מען האָט אים אָפֿט געוואָלט „דיסציפּלינירן", „איינברעכן" אים, אָבער זעליק אַק־סעלראָד איז געבליבן דאָך ווי ער האָט אין תּוך גע־קאָנט און געוואָלט זיין. און פֿון די ווייניקע, וויט נישט אַלע, לידער, וואָס מיר האָבן פֿאַר זיך, זעען מיר, ווי דער דיכטער גופֿא האָט אין זיין דיכטונג פֿיל געהאַט צו טאָן מיט זיך, מיט זיינע אייגנשאַפֿטן, און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿון דעם, וואָס פֿאַרמאָגט אַ סך, פֿאַר־לאַנגט מען און מען פֿאָדערט פֿיל.

.2

זעליק אַקסעלראָד איז געווען אַ מינסקער. אין דער קורצער לעבנס־געשיכטע פֿון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, פֿון 1917 ביז 1948, האָבן מיר דאָרטן פֿאַרמאָגט דריי הויפּט־צענטרען: קיעוו, מאָסקווע, מינסק, — די אוקראַיִנישע, גרויסרוסישע און ווייסרו־סישע יידישע קולטור־צענטרען, וועלכע האָבן אָפֿט גע־

פירט אַן אייגענעם קולטור־שאַפערישן לעבן, און אויך אָפן און באַהאַלטן אָנגעפירט שטרייטן צווישן זיך.

דער גרויסער מינסקער זאַמלבוך „צייטשריפט" (באַנד 5, געווידמעט ליטעראַטור־פאָרשונג), וואָס איז דערשינען דורך דעם יידישן סעקטאָר פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין 1931, הויבט זיך אָן מיט אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג פון ב. אָרשאַנסקי: „די יידישע פּאָעזיע אין ווייסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע" (פּרואוון פון אַן אויספאָרשונג, ז״ז 1־65). די אַרבעט ברענגט אַרויס אַ גרויסע צאָל דיכטער, וועלכע זיינען ווייניק באַקאַנט. אין דער אָפּהאַנדלונג האָבן מיר אויך אייניקע באַהויפּטונגען וועגן ז. אַקסעלראָדן. ב. אָרשאַנסקי מאַכט אָפט פאַרגלייכן צווישן די ווייסרוסישע און אוקראַיִנישע יידישע דיכטער, און די אויספירן זיינען לטובת די ערשטע, די ווייסרוסישע, — זיי זיינען מער פּראָלעטאַריש, מער רעוואָלוציאָנער א. אַז. וו. פון דער לענגערער אָפּהאַנדלונג איז צו זען, אַז ז. אַקסעלראָד האָט פאַרנומען אַ חשובן אָרט צווישן דער פּלעיאַדע יידישע דיכטער. ער קומט אַלע מאָל דער צווייטער נאָך איזי כאַריקן...

ב. אָרשאַנסקי זאָגט: „...די יאָרן 1923־1926 זיינען די בליענדיקסטע יאָרן פון דער יידישער ליטעראַטור אין ווייסרוסלאַנד און [זיי] בילדן, אייגנטלעך, דעם ערשטן עטאַפּ פון דעם צווייטן פּעריאָד". — „דער עטאַפּ פון גוואַלדיקן וואוקס, פון שטענדיקן און זיכערן שטייגן באַרג־אַרויף"... אין די „דאָזיקע יאָרן וואַקסן אויס און באַשטימען זיך די גרעסטע פּאָעטן פון ווייסרוסלאַנד — כאַריק און אַקסעלראָד... די גרופּע ,יונגע אַרבעטער', וואָס האָט אָנגעהויבן פון ,עטלעכע יינגלעך', צעבליט זיך און צעוואַקסט זיך, עס הייבן זיך אָן צו ווייזן פּאָעטן אויך אין דער פּראָווינץ. זי הייבט אָן אַרויסצוטרעטן אַלס אָרגאַניזירטער כוח פאַר דער פּראָלעטאַרישער און סאָוועטישער עפנטלעכקייט. זי הויבט זיך אָן צו פאַרגלייכן אין דער הינזיכט מיט דער יידישער פּאָעזיע פון דעם גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע פאַרגלייכונג איז צום גרויסן גליק געווען בלויז

אַ פּאָרמעלע. צום גאַנצן גייסט פון ,שטראָם׳ און קיעווער עסטעטיזם האָט די [ווייסרוסיש־יידישע] פּאָ־עזיע, אין אַלגעמיין גענומען, קיין שום שייכות ניט געהאַט" (ז׳ 38).

און ברענגענדיק אַ צאָל לידער פון די יונגע



ס׳זיצן: מ. ראַפּאַלסקי, י. אָפּאַטאָשו, מ. דאַניעל. ס׳שטייען: איזי כאַריק, זעליק אַקסעלראָד. אויף דער צווייטער זייט פון בילד איז דאָ אַן אויפשריפט: „דעם ח. י. אָפּאַטאָשו, די יונגע פון ראַטנרוסלאַנד — דעם שעפער פון יונג־אַמעריקע". ס׳קומען די אונטערשריפטן: מ. דאַניעל, מ. ראַפּאַלסקי, אי. כאַריק, ז. אַקסעלראָד, און די דאַטע — מינסק, דעם 5טן סעפּטעמבער, 1929.

יידישע פּאָעטן, פירט אויס ב. אָרשאַנסקי, אַז דער עטאַפּ „האָט אָרגאַניזירט די יידישע פּאָעזיע אין ווייסרוסלאַנד, וואָס האָט זי צונויפגעזאַמלט און געגעבן איר אַ באַ־שטימטע, אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנער־פּראָלע־טאַרישע ריכטונג", און „דער הויפּט־טאָן איז געווען דער פּאַטאָס פון נאָר־וואָס פאַרענדיקטן בירגער־קריג"...

שפּעטער גייט איבער ב. אָרשאַנסקי צום צווייטן עטאַפּ, וואו עס מערקן זיך ירידה־שטימונגען, און ווי

זיי האָבן געווירקט אויף די יונגע יידישע דיכטער. און ב. אָרשאַנסקי שרייבט: „...אויב מיר ווילן זען אַ בוילעטן אויסדרוק פון ניט־באַגרייפן די רעוואָלוציע; אויב מען וויל באַאָבאַכטן, ווי אַזוי אַ באַדייטנדיקער פּאָעט האָט זיך פאַרלוירן אין דעם ווירבל פון רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, ווי אַזוי ער איז, גאָר ניט ווילנדיק, געוואָרן דער פאַרשאַרפסטער אויסדרוק פון פאַרשיידענע ירידה־שטימונגען — דאַרף מען אַריינטראַכטן זיך אין די לידער פון זעליק אַקסעלראָד" (ז' 49).

„זעליק אַקסעלראָד, — זאָגט ב. אָרשאַנסקי, — איז געגאַנגען פון אָנהייב אָן, פון זיינע ערשטע טריט מיט אַ זייטיקן וועג אין דער פּאָעזיע. ער איז אַ טיף־אינדיווידועלער, אָבער ווייט ניט אָריגינעלער פּאָעט", וויל „ווי יעדער ליריקער, פאַרנעמט זיך אַקסעלראָד אומעטום און שטענדיק בלויז מיט זיך. זיין ‚איך' ווערט דער צענטער פון זיין שאַפונג. איז אָבער אַקסעלראָדס ‚איך' ווייט ניט קיין טיפער און אינטערעסאַנטער. אַקסעלראָד האָט זעלטן ווען באַנומען דאָס, וואָס עס קומט פאָר אַרום אים. די רעוואָלוציע מיט אַלע שטורעמדיקע וויטאָקן, מיט אירע עקשנותדיקע טריט, וואָס ווייס ניט פון באַלעבעסלדיקן רחמנות; מיט איר פייערדיקן מבול, געוועדט מיט זיין גאַנצער קראַפט אויף דער אַלטער וועלט; די גאַנצע טיפקייט און וואונדערלעכקייט פון אירע געזעצן, די גאַנצע פילאָסאָפיע פון דער רעוואָלוציאָנערער ווירקלעכקייט, פון דער וועלט־איבערקערעניש, — דאָס אַלץ האָט אַקסעלראָד אָדער אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען, אָדער זייער שלעכט, פשוט פיליסטעריש אויפגענומען. ער האָט דאָס אַלץ ניט דערפילט, עס איז געגאַנגען פאַרביי אים..." (ז' 50).

כדי צו באַרעכטיקן זיין שאַרפע קריטיק ציטירט ב. אָרשאַנסקי שורות פון אַקסעלראָדס לידער. ער כאַפּט זיך אָבער צוריק און זאָגט, אַז „עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז אַקסעלראָדן האָט אינגאַנצן ניט באַרירט די שיינקייט און הערלעכקייט פון דער רעוואָלוציע. געווען מאָמענטן, אמת, זייער זעלטענע, אין זיינע

ערשטע יוגנט־יאָרן, ווען ער האָט אָנגערירט רעוואָלו־ציאָנערע טעמעס אויך. אָבער יעדעס מאָל זיינען די אינדיווידואַליסטיש־אַקסעלראָדיש גענומען געוואָרן"...

און דאָך זאָגט ב. אָרשאַנסקי: „אַקסעלראָד איז איינער פון די האַרציקסטע ליריקער אין דער יידי־שער פּאָעזיע אין ווייסרוסלאַנד". „אָבער [ווידער אָן ,אָבער'] ער שטאַמט אינגאַנצן מיט זיין טיפן ליריזם, מיט זיין גאַנצער האַרציקייט פון קליינבירגערטום. זיינע ליידן און פריידן באַרירן אַזוי טיף זעליק אַק־סעלראָדן"...

אָבער לסוף גיט צו ב. אָרשאַנסקי, אַז „די לעצטע לידער [זיינע] ווייזן, אַז אויך אין אַקסעלראָדס פּאָעזיע הויבן זיך אָן צו ווייזן נייע טענער" (ז' 55).

און ב. אָרשאַנסקי שטעלט אַנטקעגן אַקסעלראָדן דעם דיכטער איזי כאַריק. „איזי כאַריק, — שרייבט ער, — איז אַ פולשטענדיקער היפוך פון זעליק אַק־סעלראָד. כאַריק איז קיינמאָל ניט געווען אינדיווידו־אַליסטיש אין זיין פּאָעזיע"... (ז' 56).

אויף וויפל דאָס איז נישט ריכטיק בנוגע צו איזי כאַריקן, איז אָן אַנדער פראַגע, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט צו רעדן וועגן דעם.

אַזאַ איז געווען דער אורטייל פון ב. אָרשאַנסקי, אָנגעזעענער וואָרט־זאָגער אין מינסק, אויפן יונגן איגנאָרטיקן דיכטער!

זעליק אַקסעלראָד איז זיך דערווייל געגאַנגען זיין איגענעם וועג. די אָרומיקע פּאַסירונגען האָבן זיך אָפּגערופן אין אים אויף פאַרשיידענע אופנים. ער האָט זיי אין זיך איבערגעלעבט און רעאַגירט דורך זיינע קורצע, טרעפלעכע לידער. די פּאַסירונגען, די לעבנס־פּראָצעסן האָבן זיך כסדר איבערגעבראָכן אין זיין גע־מיט און ער האָט אויף זיין איגנאָרטיקן אופן געבראַכט צום דיכטערישן אויסדרוק. נישט אַלץ איז פאַר אים געווען אַזוי פשוט און גלאַט. האָט ער דעם וויטיק־דיקן געראַנגל (מיט זיך), די אַלע ליכט און שאָטן אַרויסגעפיבערט אין ציטערדיקע פערזן. און אָט־די געפילן און שטימונגען, די קווענקלעניש און זעלבסט־

אַנאַליטישע עקסקורסיעס און זעלבסטשטראָפעריי זיי־נען פון טיפן אינטערעס. מיר האָבן אָפט אַ פּילקאַלי־ריקן רעגנבויגן אויף די אויסגעזויטערטע הימלען פו־נעם טאַלענטפולן אייגנאַרטיקן דיכטער, וואָס קומט אַלעמאָל פון אַ געשפּיל פון זון און וואָלקנס.

3.

און אַט דערשיינט אין 1932, אין מינסק, זעליק אַקסעלראָדס ערשטעס גרעסער לידער־בוך, פון 136 זייטן, מיטן באַשיידענעם נאָמען „לידער".

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַן אַריינפיר „פון פאַר־לאַג", וואָס דאַרף גוטהייסן און באַרעכטיקן די אויס־גאַבע. דער אַריינפיר איז פאַר אונדז אינטערעסאַנט, ווייל ער ווייזט, אַז נישט געקוקט אויף די טענות־פאַר־וואורפן, רעכנט מען זיך דאָך מיטן דיכטער.

אויף זייט 2 איז אָנגעגעבן אַלס רעדאַקטאָר פון בוך דער באַוואוסטער יידישער קריטיקער אין ווייס־רוסלאַנד, כ. דונעץ. איז ער מסתמא דער מחבר פון דער הקדמה, וואו עס ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן: „ז. אַקסעלראָד איז אַ געוויסע צייט געשטאַנען אויף דעם רעכטן פלאַנג פון דער יידישער פּאָעזיע אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד. זיין לירישע געבראָכנקייט, דאָס וואַק־לען זיך צווישן ,האָפענונג און שרעק' איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון ניט קאָנען רייסן מיט זיין סאָ־ציאַלן שיכט — דעם אָפּגעשטאַנענעם טייל פון דע־קלאַסירטן יידישן קליינבירגערטום".

און ווייטער: „די זיגרייכע סאָציאַליסטישע בוי־אונג, וואָס האָט געשאַפן די ברייטסטע מעגלעכקייטן פאַר אַריינציען אין די בוי־פּראָצעסן די יידישע אָרעמ־קייט, האָט אויך אַקסעלראָדן אַ שטויס געטאָן צו אונדז... דאָס דאָזיקע בוך לידער, וואָס דער אויטאָר האָט באַ־וואוסטזיניק אָפּגעקליבן, כדי אונטערצושטרייכן זיין איבערגאַנג אויף אַ נייעם עטאַפּ, באַווייזט, אַז דער קער צו אונדז ווערט אַלץ בוילעטער ביי ז. אַקסעלראָדן און גיט אונדז די האָפענונג, אַז אַט דער קוואַליפי־צירטער דיכטער וועט סוף כל סוף ענדגילטיק בייקו־

מען זיין סאָציאַלע געבראָכנקייט, וואָס האָט ביז איצט באַדייטנדיק געקרעמפּעוועט זיין דיכטערישן טאַלאַנט".

נאָך דעם אַריינפיר קומט אַ פּרעכטיק ליד פונעם דיכטער, וואָס פאַרמאָגט וויכטיקע כאַראַקטער־שטריכן פונעם פּאָעט און וואָס דערציילט וועגן די וואקלענישן און געראַנגלענישן פונעם דיכטער אין יענע יאָרן.

אַזוי ווי ז. אַקסעלראָדס לידער־זאַמלונגען זיינען נישט בנמצא דאָ, ברענגען מיר דאָס גאַנצע ליד, און מיר וועלן אויך ווייטער ציטירן גרעסערע אויסצוגן פון זיינע אויסגעצייכנטע לידער.

„אויפסניי הויב איך אָן מיין צעריסענעם פאָדים.
די געזאַנגען די קלאָרע, פאַרלאָרענע אין וועג.
גלייך מיט אַלעמען דאָ כ'האָב די סטעזשקעס באַטראָטן
און געבליבן אַליין נאָר אין טונקל פאַרשטעקט.

מיינע דיכטער — די פריינט — אויפן לייטער פון שטייגז,
איבער ברייט פונעם לאַנד, אין געדיכטקייט פאַרטיפט.
און איך האָב געקליבן די שורות אין שווייגן,
ווי מע קלייבט פון געליבטע בויגעלעך בריוו.

ווען ניט ווען, מיטאַמאָל, כ'פלעג מיין קאָפּ נאָר דערהויבן.
ווי טויזנטער טאָנען געווען איז ער שווער.
טרעפט אַ פאַרבלענדעניש פאַלט אויף די אויגן,
מע זעט ניט אַרום זיך די אייגענע ערד.

טרעפט אַ פאַרבלענדעניש נעמט דאָ אַרום דיך,
דו בלאָנדזשעסט אַוועק אָן אַ זייט, אין דער קרום.
גלייך ווי אַ גאַסט כ'וואָלט אַהערצו געקומען
ביי אַ ברעג פון אַ טיש צו אָפּזיצן שטום.

אויף די קינדערישע הענט כ'האָב אַ האַק נאָך געטראָגן
אין צוואַנציקסטן יאָר פון באַנדיטנס אַ שניט.
איצטער האָב איך אַ גרויען שינעל אויף מיין וואָגן,
ניט מיט פלעקן פון בלוט, נאָר פון פרידלעכער בויאונג
פאַרהיט.

מיין גרויער שינעל מיט די קאַנטן די שוואַרצע,
שטיין גרייט אויף דער וואַך פון צוויי גרענעצן וועלט.
זאָל בעסער אַ קויל אַריין אין מיין האַרצן,
איידער ווייטער צו שווייגן ביי דער אייגענער שוועל..."

זעליק אַקסעלראָד, ווי זיין גלייכן דער דיכטער שמואל האַלקין, האָט אויף אַן אייגנאַרטיקן, טיף-סוב־יעקטיוון און אינדיווידועלן שטייגער אויפגענומען די אַרומיקע ווירקלעכקייט, די שאַרפע ענדערונגען און ראַשיקע פּראָצעסן. ער איז נישט געווען מוכן ומזומן „גלייך מיט אַלעמען" צו זינגען און באַזינגען די פּאַ־סירונגען. ווי שמואל האַלקין, האָט ער באַדאַרפט קודם כל פּאַרטיק ווערן מיט זיך גופא, איידער ער איז גע־קומען פאַרן עולם. און ס'איז אים גאַרנישט אַזוי לייכט געווען צו „בלייבן אַליין אין טונקל פאַרשטעקט". אָבער גראָד דאָס, וואָס ער האָט „געקליבן זיינע שורות אין שווייגן", האָט געפירט דערצו, אַז ער האָט אָפט טיפער ווי אַנדערע אַרויסגעבראַכט די איבערלעבענישן דורך זיינע טיף־אָריגינעלע לידער.

ער אַליין דערציילט אין זיין „מיין ערשט ליד", ווי ער האָט געבראַכט (אין דער רעדאַקציע) זיין ליד צום דרוקן:

„און קיינער האָט מיר ניט געקאָנט דערציילן,
וואָס איך וויל דאָ אין מיין ליד.
עפּעס אַזוינס האָט זיך פון מיר געריסן,
געוואָלט האָב איך אי נאָך, אי מער.
מיין יוגנטלעכן טרוים און ליכטיקן געוויסן
אין קליינע שורהלעך געבראַכט אַהער..."

און אָט דאָס „עפּעס אַזוינס" און „יוגנטלעכער טרוים און ליכטיקער געוויסן", — דאָס האָט ער אויף אַ גאַנץ־אייגענעם דרך זיך גענומען אַרויסברענגען אין זיינע „קליינע שורהלעך", וואָס האָבן זיך געזאַמלט אין זיין שייער.

אַקסעלראָד איז אַן ספק אַן אויסגעשפּראָכענע, דיכ־טערישע פּערזענלעכקייט, און פון זיין יעדן פּערז קוקט אַרויס אַן אייגנאַרטיקער זינגער־זאָגער.

ער רעדט אַנדערש ווי אַנדערע, ער געברויכט איי־גענע ווערטער און אויסדרוקן צו דערציילן וועגן זיך, וועגן זיין געמיט.

אָט הערט ווערטער:

„נאָך מיין יונגן יום־טוב ניט געפייערט,
ווייסע רו אויף מיין האַרץ ניט באַשפּריצט, —

איז מיין גאָלדענער אויפשטייג מיר טייער,
ווען אין נאַכטיקער שיין ער צעבליצט...״
און ווייטער — אַזעלכע שורות:
„איך בין נאָך אַ קינד אַ פאַרשייטער
און מאַן שוין אַזוי פיל פון זיך,
גלייך די שטערן — אַט־די זילבערנע רייטער —
פאַרצוימען פון מיר זייער ליכט...״

יאָ, ער האָט נישט געקאָנט קומען מיט זיינע פערזן „צום גרייטן״, ער האָט באַדאַרפט פריער מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם געמיט פאַרטיק ווערן, ער זאָל קאָנען זיין גרייט צו ווערן דער דיכטער, דער שליח־ציבור, ווייל ער האָט זייער פיל געמאָנט פון זיך.

.4

טיפער און אינטערעסאַנטער פאַרנעמט זיך מיט זעליק אַקסעלראָדן דער באַוואוסטער סאָוועטיש־יידי־שער קריטיקער, דער שטרענגער י. בראָנשטיין, אין זיין אַרטיקל „אַקסעלראָדס דיכטערישער וועג״ (געשריבן דעצעמבער 1932, אַריין אין זיין בוך „פאַרפעס־טיקטע פאָזיציעס״, פ׳ „עמעס״, מאָסקווע, 1934). פאַר אים איז אַקסעלראָד און זיין דיכטעריש שאַפן אַ פּראָבלעם, וואָס פאַרלאַנגט ערנסטן צוגאַנג, טיפע באַטראַכטונג.

י. בראָנשטיין הייבט אָן זיין אַרטיקל: „אַ קליין ביכל לידער. אין פלוג גערעדט — אַ גאַנץ באַשיידענער פאַרמעג [אויב אפילו אַריינרעכענען אַהער אַ צענדליק אָדער צוויי־צענדליק לידער, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע זשורנאַלן און זיינען אין ביכל ניט אַריין]. ניט איין אָנפאַנגער קען איך, וואָס האָט אַ סך מער געדרוקטע לידער, איידער זעליק אַקסעלראָד. אָבער זעט סאַראַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מצד אונדזער ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקייט אָט דאָס ביכעלע לידער האָט צוגעצויגן!״

י. בראָנשטיין באַטאָנט די נייע איבערוואַנדלונג פונעם יונגן אַקסעלראָד: „נישטאָ שוין דער אַמאָליקער ציטערדיקער בחורל מיט „שרעק פון אייגענעם

געזיכט׳! ניטאָ שוין דער שטומער שוויגער ,מיט פֿאַרבלענדעניש אויף די אויגן׳, אין וועלכע עס איז פֿאַרצייכנט ,אַזאַ שטילער לויטערער פֿאַרדראָס׳! ער שטייט איצט, אין זיין ,גרויען שינעל, מיט די קאַנטן די שוואַרצע״, אויף דער וואַך פֿון צוויי גרענעצן וועלט. ,זיבן קוילן ליגן פעסט אין באַראַבאַן, פערציק קוילן אינעם שיקדל ביי דער זייט׳...״

ווי די אַנדערע יידישע קריטיקער אין ווייסרוסלאַנד מאַכט אויך י. בראָנשטיין פֿאַרגלייכן מיט די ערשטע דיכטערישע שפּראָצן אין אוקראַינע. ער האַלט, אַז די ווייסרוסישע יידישע דיכטער זיינען מער רעוואָלוציאָנער, מער פּראָלעטאַריש.

י. בראָנשטיין שרייבט: „פֿאַראַן אַן אַלטע דיכטערישע טראַדיציע — צו דערמאָנען מיט ליבע די ערשטע טריט״. א. קושניראָוו האָט אַמאָל, אין זיין „שטראָם־פּעריאָד״ (ווען די מוזע איז געווען „זיין ליכט און זיין פעסטונג״) אַזוי געשריבן וועגן זיין ערשטער באַגעגעניש מיט דער מוזע:

„איך בענטש דעם אָוונט דעם בלויען,
ווען דו ביסט געווען דער גאַסט,
וואָס האָט מיך מיט ליכטיקע תנאים
אויף ליבע און ליידן פֿאַרקנסט״.

י. בראָנשטיינען געפֿעלן נישט די ליריש־ראָמאַנטישע שורות פֿון א. קושניראָוו, און ער גיט צו: „אין אָטדעם קאַנאָניזירטן ,בלויען אָוונט׳ און ,ליכטיקע תנאים׳ דאַרף מען זעלבסטפֿאַרשטענדלעך זוכן מער ליטעראַרישן ,שטראָם׳ * עטיקעט, איידער געשיכטלעכע וואָרהייט״. י. בראָנשטיין ברענגט ז. אַקסעלראָדס ערשט ליד צום דרוקן (מיר האָבן פריער ציטירט זיין ערשטעס ליד), — „דאָס איז אַ ליד, וואָס מיט זיין לירישער פשטות, לויט זיין אידייאישן פּאַטאָס און קאָמפּאָזיציאָנעלער שטייפקייט וועט עס פֿאַרבלייבן אין אייזערנעם פאָנד פֿון אונדזער סאָוועטישער דיכטונג״.

---

* „שטראָם״ איז געווען דער נאָמען פֿון דער יונגער גרופּע יידישע דיכטער אין קיעוו.

און ווייטער: „גיט צופעליק שליסט אַקסעלראָד זיין בוך לידער אויך מיט אַן ענלעך ליד, וואו עס ווערט באַזונדערס באַטאָנט אָט־דער מאָטיוו פון דער דיכטערישער לייַדנשאַפט, פון לייטערונג, פון „ליכטיקן געוויסן“:

„זאָל זיין געבענטשט די לויטערע מינוט
וואָס האָט מיך שטיל און קלאָר אַזוי דערהויבן
געשאָנקען מיר אי מענטשלעכקייט אי גלויבן
אין טריף אין הייסן פון מיין יוגנט־בלוט.

אָט־די רגע, אָט־די לויטערע מינוט,
ווען גענומען האָט מען זידלען מיך און לויבן,
אין די שורות קוקן, ווי אין ריינע שויבן,
ווי זעט עס אויס: שלעכט איז דאָ צי גוט“.

י. בראָנשטיין האָט טענות צו דער קריטיק: „פאַר־וואָס האָבן מיר זיי [די פעלערן] ניט אויפגעדעקט, זאָל זיין אפילו אונטערן שאָלעכץ פון יעסענינש־באָהעמישע ווירקונגען און צייטווייליקער פאַרבלענדעניש, וואָס איז אָנגעפאַלן אויפן דיכטער?“ „קודם כל האָבן מיר באַ־דאַרפט אויפדעקן די טענדענצן, וואָס גיבן אים — דעם מיטלויפער — די מעגלעכקייט גובר צו זיין אָט־די וואקלענישן זיינע“.

י. בראָנשטיין באַטאָנט אַקסעלראָדס געבראָכענע שטימונגען און כאַפּט אויף זיינע לייטערונג־מאָמענטן: „דיזאָזיקע אַסאָציאַציעס שטעקן אָן דעם דיכטער מיט העלער שיין, מיט גלויבן, מיט ליבע צו נאָענטע, מיט קינדערשער פאַרשייטקייט. אפילו אין די טונקלסטע יאָרן זיינע רייסט אַקסעלראָד פון צייט צו צייט די נעץ פון פאַרבלענדעניש, וואָס פאַלט אים אויף די אויגן“.

אָבער אָנשטאָט אַריינצודרינגען אין דער נשמה, אין דעם געמיט פונעם דיכטער, וועלכער האָט פון די סאַמע יונגע יאָרן אַדורכגעמאַכט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע די גרוילן און פלאָגן פון דער [ערשטער] וועלט־מלחמה, פון בירגער־קריג, פון פאַרשיקונגען, פאַרפאָלגונגען פון דער יידישער אָרעמקייט, אָנשטאָט צו געפינען דעם מקור פון דעם דיכטערס לייד, ווי־

און פּין, באַשולדיקט ער אים אין קליינבירגעריי, אין שרעק־ירידה.

נאָכן ציטירן פּערזן פון איניקע לידער גיט ער צו: „אַזוי ראַנגלט זיך דער דיכטער. אַן אויסגעוואָרצל־טער. ער בלאָנדזשעט אַרום מיט די ,ציטערדיקע ליפּן פון זיין ליד'..." און ווייטער: „ציטערדיקע ליפּן", „ציטערדיקע טריט", „ציטערדיקע פינגער", „ציטע־ריק־שטיל איז מיין ליד" — ניט אומזיסט איז ביי אים אַזוי באַליבט דער „ציטערדיקער" עפּיטעט. זיין סאָ־ציאַלער צושטאַנד איז דער צושטאַנד פון ציטער, פון וואקלדיקייט"... (ז' 149).

און אָט איז דער פּסק־דין: „...אַקסעלראָד הויבט אָן קאָקעטירן מיט זיין רעאַקציאָנערער אינטימקייט און אינזיכיזם, מיט זיין „דערהויבענער שטילקייט". „שטיל־קייט האָט דערהויבן מיינע לידער', ,אַזוי ציטעריק־שטיל איז מיין ליד', ,און שטיל זאָל זיין נאָר ווער עס קאָן', — דאָס זיינען איצט די גרונט־מאָטיוון פון אַק־סעלראָדס דיכטונג" (ז' 152).

און דאָ קומט אַ פּאַראַלעליך צווישן כאַריק און אַק־סעלראָד, וואָס ווערן אָפט דערמאָנט צוזאַמען. י. בראָנ־שטיין זאָגט: „כדי עס זאָל קלאָר ווערן דער תוך פון אָט־דער ,שטילקייט', דאַרף מען אויפמערקזאַם איבער־לייענען זיין ליד, געווידמעט כאַריקן.

און י. בראָנשטיין פירט אויס: „כאַריקס רעוואָ־לוציאָנערע סאָציאַלע פּאַטעטיק, וואָס ,שרייט אַזש צום צענטן דור', ווערט דאָ קעגנגעשטעלט רעאַקציאָנערע אינזיכיסטישע שטילקייט, אַלס דער עכטער קריטעריי פון קונסט"...

.5

דאָס בוך „לידער" פון ז. אַקסעלראָד האָט אויפ־גערודערט די יידישע עפנטלעכקייט אין סאָוועטנפאַר־באַנד און די ליטעראַרישע קרייזן. און אַוודאי אין ווייס־רוסלאַנד, אין מינסק, וואו ז. אַקסעלראָד איז באַזונ־דערס געווען באַוואוסט און באַליבט.

אינעם מינסקער זשורנאַל „שטערן" (נ"ג 7־8,

(1932 האָבן מיר אַן אַרטיקל פון וו. וויטקין א. נ. „וועגן ז. אַקסעלראָדס בוך ‚לידער'.“ די רעדאַקציע איז, משמעות, נישט געווען באַפרידיקט מיטן אַרטיקל. זי האָט געהאַלטן, אַז ער ברענגט נישט אַרויס אַלץ וואָס מ'דאַרף זאָגן וועגן אַקסעלראָדן. דאָס זעען מיר פון דער רעדאַקציע־באַמערקונג: „אַן אויספירלעכער אַרטיקל וועגן אַקסעלראָדס שאַפונג וועלן מיר געבן אין די קומענדיקע נומערן פון אונדזער זשורנאַל“.

דער אַרטיקל הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „זעליק אַקסעלראָד איז איינער פון די טאַלאַנטפולסטע סאָוועטישע ליריקער. זיינע לעצטע לידער וועגן דער רויטער אַרמיי זיינען אַן אָנהייב פון אַ נייעם שעפערישן עטאַפּ אין זיין פּאָעזיע. דערפאַר איז איצט אַזוי נויטיק פאַר־סך־הכּלען דעם פּאָעטס דורכגעמאַכטן שעפערישן וועג און אָנמערקן די גרונט־טענדענצן פון זיין ווייטערדיקער שעפערישער אַנטוויקלונג“.

לכתחילה פירט וו. וויטקין אַ דיסקוסיע מיט ב. אָרשאַנסקיס טענות צו ז. אַקסעלראָדן, וואָס ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט אין זיין בוך „די יידישע ליטעראַטור אין ווייסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע“, וואָס זאָגט, אַז ז. אַקסעלראָד „געפינט ווערטער און פאַרבן אין זיין פּאָעזיע“ פאַר „דיליידן פון קליינבירגערטום“. „ס'איז אמת, — זאָגט וויטקין, — אַז אַקסעלראָד האָט אין זיין פּאָעזיע אויסגעדריקט [?] דאָס קליינבירגערטום, אָבער ס'איז ניט ריכטיק צו מיינען, אַז אַקסעלראָד האָט אויסגעדריקט די אינטערעסן פון דעם טייל קליינבירגערטום, וואָס וויל ניט זיין קלאַסן־איבערגעבורט“ (ז' 129).

און ווייטער זאָגט וו. וויטקין: „די הויפּט־שטימונג פון אַקסעלראָדס לידער איז ניט דער טרויער, וואָס שטאַמט פון ניט וועלן אָפּזאָגן זיך פון קליינבירגערטום... זיין הויפּט־שטימונג איז ‚ס'איז ענדערן זיך שווער'...“

„זעליק אַקסעלראָדס לידער, — שרייבט ווייטער זיין „מליץ יושר“ (פאַרטיידיקער), — זיינען טיף־לי־

רישע, זיי זיינען שטאַרק בילדעריש, עמאָציאָנעל און זיינען פּייאיק אָנצושטעקן דעם לייענער מיט דעם פּאַ־עטס געפילן"...

דער אַרטיקל ווערט פאַרענדיקט מיט די ווער־טער: "מיר האָבן רעכט און דאַרפן פאָדערן מער פון אַזאַ טאַלאַנטפולן פּאָעט ווי אַקסעלראָד. דער פּאָעט האָט אַלע מעגלעכקייטן אונדזער פאָדערונג צו באַ־פרידיקן"... (ז' 34).

6.

ביים באַהאַנדלען און אויפנעמען אַ דיכטערישע פערזענלעכקייט ווי זעליק אַקסעלראָד, איז פאַר אונדז ניט וויכטיק אויך אויפצונעמען די אַרויס־זאָגונגען פון די סאָוועטישע קריטיקער פון יענער צייט, און זעען זייערע טענות און מאָנונגען. ווי דער דיכ־טער, אַזוי אויך איז דער קריטיקער אַ פּראָדוקט פון זיין צייט, און דורך דער קריטיק ווערן אַרויסגעבראַכט די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אידייאישע געראַנגלע־נישן און דורך זייערע דעפיניציעס און באַהויפּטונגען דערגייען מיר צום תוך און כאַראַקטער פון דער סאָ־וועטיש־יידישער ליטעראַטור אין אירע פאַרשיידענע אַספּעקטן און גלגולים.

אין דעם זינען איז אינטערעסאַנט די גרעסערע אָפּהאַנדלונג פונעם קריטיקער א. דאַמעסעק "די שטים פון אַקסעלראָדס ליריק" ("שטערן", מינסק, 1935, נ' 9, ז"ז 64־76). כדאי, אגב, צו פאַרצייכענען די נע־מען פון רעדאַקטאָר און רעדקאָלעגיע פון דעם זשור־נאַל: "פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר — איזי כאַ־ריק, רעדקאָלעגיע: ז. אַקסעלראָד, א. אַשעראָוויטש, א. בער, י. בראָנשטיין, א. דאַמעסעק, אי. כאַריק, מ. קולבאַק, ל. ראָזענהויז".

א. דאַמעסעק באַהאַנדלט די פאַרשיידענע עטאַפּן פונעם דיכטער. אָנגעהייבן פון 1922, ווען ס'איז דער־שינען זיין ערשט לידער־ביכל "צאַפּל" ביז זיין לעצטן בוך "און ווידער לידער", דערשינען אין 1935. דאָס ערשטע לידער־העפטל "האָט קיין באַזונדער אויפ־

מערקזאַמקייט צו זיך נישט געקאָנט ציען", זאָגט א. דאַמעסעק, ווייל „אונטער דער לאַסט פון בורזשואַזער ירושה איז געווען אין די פּאָר צענדליק לידער סיי דער אינהאַלט, סיי די בילדערישקייט, סיי די לעקסיק". זע־ליק אַקסעלראָד איז דאַן אַלט געווען קוים 18 יאָר. און אַנשטאָט נתפּעל צו ווערן פון דעם, וואָס ער האָט גע־שריבן, ווערט ער געטאַדלט. א. דאַמעסעק ברענגט פיר שורות פון אַ ליד:

„זכרונות! זכרונות! אָ, אַדערלעך דינע,
באַהעפט אין האַרצן פון פינקלען און לעשן,
צי וועל איך ביי עמעצן פרעגן אייך בענטשן,
מיט אויפגאַנג און אָפּגיין פון פינקלען און לעשן?"

און ער גיט צו:

„פון וואַנעט זכרונות — אַז סך־הכל איז ער אין דער צייט פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה געווען אַ היימלאָז קינד, וואָס האָט אין די וואַגאָנעס געלאָזן „אַ ווייכע, אַ קינדערישע טרער?' ווי קומען צו אים אַזעלכע פאַרשטעלונגען פון בענטשן און שילטן, פון אויפגאַנג און אָפּגיין, פון פינקלען און לעשן?"

ווי קומען צו אים? — פרעגט איר. דאָס יונגע בחורל האָט פון די יוגנט־יאָרן אַדורכגעמאַכט שרעק־לעכע איבערלעבענישן, וועלכע האָבן זיך איינגעשניטן אין זיין יונגן הערץ, אין זיין אויפגערודערטן געמיט. דערפון די טיף־רירנדיקע שורות. א. דאַמעסעק גייט צו צום 18־יאָריקן אַקסעלראָד מיט אַ מאָס און וואָג פון 1935: „אין ,צאַפּל', — זאָגט ער — איז קאָנטיק געווען די צעטומלטקייט פון אַקסעלראָדס דיכטונג אין יענער צייט. דער דעקלאַסירטער קליינבירגער, וועמעס אידעאָלאָגיע זעליק אַקסעלראָד האָט דאַן אויסגעדריקט, האָט אין צייט פון אימפּעריאַליסטישער מלחמה פאַר־לוירן זיין עקאָנאָמישע איינגעזעסנקייט און איז גע־שטאַנען פאַר אַלץ־נייע אומדערוואַרטעטע דערשיטע־רונגען".

ווידער אַמאָל: אַנשטאָט צו באַהאַנדלען זעליק אַקסעלראָדן און אַרויסאַנטפּלעקן זיינע שטימונגען, גע־פילן, וואָס קומען פון אייגענע איבערלעבענישן, גייט

מען צו, לאחר זמן, אין אַ צייט אַרום, מיט פּאַרטיקע טעאָריעס און איינשטעלונגען. מען פֿאַרזוצט אָקסעל־ראָדן גופא, דעם מענטש אין אים, די ווייטיקדיקע גע־ראַנגלענישן און זיינע טרעפלעכע לידער, דורך וועלכע ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק זיינע טראַכטענישן און זעלבסט־אַנאַליזן.

מאַכט ער אין איינעם אַ ליד אַזאַ טיף־טרעפלעכע באַצייכענונג וועגן זיך:

„מיט עמעצן פֿאַרמעסטן זיך איז איביק שווער, —
מיט זיך אַליין איז טויזנט מאָל נאָך שווערער".

א. דאַמעסעק באַטאָנט אָבער מיט צופרידנקייט „די אומאויפהערלעכע פֿאַרמעסטונג אויף וואוקס, אויף שטייגן", וואָס איז „כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן סאָציאַלן איבערגעבורט פֿון אָקסעלראָדס ליריק", און ער גיט צו, „עס איז ממש צו באַוואונדערן, וויפֿל מאָל דער דיכטער קערט זיך אום צו די זעלבע באַטראַכטונגען איבער זיך, איבער זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, איבער זיינע פֿיאיקייטן צו באַנעמען די ,נייסן' פֿון לעבן", און ער טייטשט עס אויס, דער קריטיקער, אַז „אין דעם איז באַשטימט פֿאַראַן אַ רעשטל פֿון אינדי־ווידואַליסטישער אינערציע" א. אַז. וו.

אַזאַ פּרעכטיקער פּערז, ווי:

„דער חודש יולי, דער פֿרילינג איז אַוועק.
אין רייפֿן גלאַנץ האָט זיך אַ זאַנג צעשמייכלט.
און איך ערשט אַרויס אינמיטן וועג
מיין פּעסטע קלאָרקייט צו דערגרייכן".

געפֿעלט נישט א. דאַמעסעקן, ווייל ער הערט אין דעם „אַביסל אַ געבראַכענע שטים".

אין אַלגעמיין אָבער איז דאָ אַ ווילן און אַ פּרואוו ביי א. דאַמעסעק צו דערגרונטעווען זיך צו די יסודות פֿון זעליק אָקסעלראָדס קאָמפּליצירטן שאַפֿן. „געוויס, — זאָגט ער, — איז דער פּראָצעס פֿון באַרייכערן זיך מיט נייע סאָציאַלע דערפֿאַרונגען ניט קיין גראַדלי־ניקער אין אָקסעלראָדס דיכטונג פֿון דעמדאָזיקן פּע־ריאָד. ווען מיר נעמען די לידער, לויט זייערע דאַ־

טעס, שטויסן מיר זיך אָן אויף ווידערשפּרוכן, אויף וואַקלונגען".

און דאָס לעבן גופא האָט דען נישט פאַרמאָגט קיין ווידערשפּרוכן, קיין וואַקלונגען? — ווילן מיר פרעגן א. דאמעסעקן (וועלכן מיר האָבן גוט געקענט פון וואַרשע), און ער גופא, דער קריטיקער, האָט דען נישט געהאַט קיין ווידערשפּרוכן און וואַקלונגען?

א. דאמעסעק זאָגט ווייטער וועגן אַקסעלראָד:
„זיין ליד האָט באַקומען אַ רעאַליסטישע קלאָרקייט. זי איז קאָנקרעט, אפילו שטייגערדיק, קורץ, שטייף און איינדרוקפול". און ווייטער: „אַקסעלראָד גייט אַריין אין דער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע ווי דער דיכ־טער פון מיניאַטיור־ליד. אין איר וויקזט ער אַרויס אַ באַדייטנדיקע מייסטערשאַפט, און ער שטרעבט צו פאַר־פולקאָמען זי", און אָט „די שטרעבונג צו פאַרפולקאָ־מען זיך אין דער ריכטונג פון מיניאַטיור־ליד איז בולי־לעט ביי אַקסעלראָדן אין זיין נייער זאַמלונג „און ווי־דער לידער"..."

א. דאמעסעק ברענגט פיר שורות, וואָס באַציי־כענען „די מיסיע פון דיכטער":

„אין שווערקייט בייקומען ליגט עפּעס אַזוינס,
וואָס וואַרעמט דיך און פירט דיך ווייטער, ווייטער.
אַזוי פון טאָג צו טאָג מיר ווערן צוגעוואוינט,
די שטרעקעס נעמען ווי אַ גוטער רייטער".

און צום סוף, נאָך די אַלע הין־און־צוריק באַהויפּ־טונגען וועגן אַקסעלראָדן און וועגן זיינע דיכטערישע פאַרמעסטונגען, כאַפּט זיך א. דאַמעסעק און באַוואָרנט זיך: „איך הער שוין דאָ די אומצופרידענע טענה פון איניקע קריטיקער".

7.

אויך דער מאָסקווער קריטיקער י. דאָברושין פאַרנעמט זיך מיט זעליק אַקסעלראָדן און מיט זיין דיכטערישן גאַנג. אין זיין בוך „סאָוועטישע דיכטונג" (דערשינען אין מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס", 1935) קו־מען אַרטיקלען וועגן די סאָוועטיש־יידישע דיכטער:

ל. קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש, ע. פיניבערג, ש. האַלקין, ז. אַקסעלראָד, אי. פעפער, אי. כאַריק, מ. כאַשטשע־וואַצקי, מ. טייף, ב. אַליעווסקי. דער אַרטיקל איבער זעליק אַקסעלראָד קומט גלייך נאָך ש. האַלקין נישט צופעליק. וועגן זיי ביידן האָבן מיר גאַנץ־ענלעכע באַ־הויפּטונגען און טענות מצד דער קריטיק.

וועגן ש. האַלקין זאָגט י. דאָברושין: „...ווי פיל בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע אינטעליגענטן פון יענער צייט האָט אויך האַלקין אויפגעגעבן דעם פּאָ־ליטיש־עקאָנאָמישן געוועזענעם לעבנס־סדר און [דאָך] ניט אויפגעגעבן די אַזוי־גערופענע גייסטיקע קולטור־ווערטן, געבליבן ביי דעם פּסיכאָ־אידייאישן פאַרמעג פון דער בירגערלעכער וועלט־אָנשויאונג. פון אָט דעם צושטאַנד האָט זיך דאָך גענומען די, אַזוי צו זאָגן, ‚קרבנותדיקע‘ שטימונג ביי פיל קליינבירגערלעכע שרייבער פון יענער צייט. די אויפפאַסונג פון אַ מוז־אומקום א. אַז. וו.״ (ז׳ 78).

דאָס נעמלעכע, מיט אַנדערע ווערטער, זאָגט דאָב־רושין אויך וועגן אַקסעלראָדן. זיין אַרטיקל הויבט ער אָן: „ווי אייניקע דיכטער, וואָס זיינען אַריין אין דער ליטעראַטור אין די ערשטע אָקטאָבער־יאָרן, האָט אויך זעליק אַקסעלראָד דורכגעמאַכט לכתחילה דעם עטאַפּ פון אינדיווידואַליסטישן צווייפל און פאַרלוירנקייט, וואָס האָט געשטאַמט און געשטימט מיט דער פאַר־ווירטקייט און וואַקלענישן פון יענע קליינבירגערלעכע שיכטן, מיט וועלכע די דאָזיקע דיכטער זיינען געווען פאַרבונדן. ווי די יעניקע דיכטער האָט אויך זעליק אַקסעלראָד, דער יינגסטער פון דער יעניקער פּאַלאַנגע, געמאַכט פון אָנהייב אָן אַ צוריק־טריט פון דער רע־וואָלוציע, אָפּגערוקט זיך און פאַררוקט זיך אין די יחידישע איבערלעבונגען פון אַן אָפּגעשיידטן אומ־באַהאַלפענעם איינעם״ (ז׳ 99).

ווי די מינסקער קריטיקער, אַזוי גייט אויך צו י. דאָברושין מיט פּאַרטיקע מאָס און וואָג צום דיכ־טער. ער באַמיט זיך נישט אַריינצודרינגען אין זיין אינערלעכער וועלט און אַרויסאַנטפּלעקן די מאָטיוון,

וואָס מיט זיי זיינען איבערפולט אַקסעלראָדס געפילן און איבערלעבענישן, נאָר ער מאָנט ביי אים אַ וועלט־באַנעם, אַן איינשטעל, וואָס איז אים, צוליב פיל סיבות, נאָך פרעמד געווען. „אַקסעלראָד איז פאַרבונדן געווען מיטן העקלאַסירטן געבראָכענעם קליינבירגערטום" און ער „האָט ניט געהאַט דעריבער די פּאַרהיטע בירגער־לעכע און קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אויסגעשפּראָכענע שטרעבונגען פון איניקע דיכטער"...

זייער מעגלעך, אַז די שטענדיקע גריבלערייען פון די קריטיקער אין דיכטערס שטימונגען און געפילן, און אין די לידער, אין וועלכע ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק זיין ווייטיק און פּיין, האָבן שטאַרק געווירקט אויפן סענסיטיוון דיכטער, וועלכער האָט געקלע־טערט אויף אייגענע דיכטערישע הויכן. קאָן זיין, אַז דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער דיכטער האָט אָפּטער געשוויגן ווי געזונגען, ווען זיין געזאַנג איז נישט געווען אין איינקלאַנג, אין אוניסאָן מיט דער אַלגעמיינער דיכטונג. אָבער אויך זיין „שטומקייט און שוויגן" ווערט שאַרף קריטיקירט, געטאַדלט.

י. דאָברושין הויבט אָן דעם צווייטן קאַפּיטל פון זיין אָפּהאַנדלונג מיט די ווערטער: „און ווען עס גייט אַ רייד וועגן אַקסעלראָדס שטומקייט און שוייגן, האַנדלט זיך דאָ ניט בלויז וועגן דעם, וואָס זעליק אַקסעלראָד, אייבער פון אונדזערע בעסטע דיכטער, האָט פאַר אַזוי פיל יאָר אָנגעזאַמלט אַזאַ קליינעם הייפל לי־דער; עס האַנדלט זיך וועגן די שוין געשריבענע לי־דער, פון זייער אינעווייניק ווייעט דאָס שוייגן, זייער אינהאַלט און פאָרם טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל, דעם באַשיימפּערלעכן שטעמפּל פון פאַרפּרעסטע ציין, פון פאַרחתמעטע ליפּן, פון אַזאַ מין ריידעניש, וואָס ברויכט אָן אַ שיער פאַרשטייפטע ענערגיע און מאַכט קורצע, דיך־דיניקע, שווער־באַלאָדענע, פיל־מינענ־דיקע שטריכן, בשעת עס פאָדערט זיך אָפּנקייט, ברייט־קייט, רייד אויפן פולן מויל, מיט פולער האַפּט" (ז' 102).

פאַרלאַנגען פון אַ דיכטער דאָס, וואָס ער קאָן נישט געבן, איז אַן עוולה. עס איז געווען אַמאָל אַ צייט,

ווען מען האָט פאַרלאַנגט פון אַן אַנדער דיכטער, פון ח. נ. ביאַליק, האַפּערדיקייט, לוסטיקייט, מונטערקייט. ווען דער דיכטער האָט אַדורכגעמאַכט שווערע איבער־לעבענישן און געווען אין אַ געדריקטן געמיט־צו־שטאַנד און איז נישט געווען אין שטאַנד צו זאָגן שירה.

י. דאָברושין ציטירט פּרעכטיקע שורות פון ז. אַקסעלראָדן:

„מיר שפּאַנען שטים, מיר שטעלן קליינע טריט,
און ציילן קערנדלעך פון רייפע זאַנגען".

און באַלד קומט דער „מוסר השכל": „די דאָזיקע צייכענונג איז זעלטן ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין אייגענעם אַרט שאַפן. אַקסעלראָדס שורה איז אינטענסיוו־ריק, ווי זעלטן ביי ווע־מען. זי איז דורכגעדענקט, אויסגעוויקט אין דורכגע־לעבטן וואַרהאַפט פון טראַכטן און פילן". איז דאָך גוט? אָבער... „אַקסעלראָדס שורה איז קורצאָטעמ־דיק, דאָס ליד טוט זיך אַ שפּרייט אויס און פאַרענ־דיקט זיך באַלד..." (ז' 103).

אָט ציטירט י. דאָברושין פון אַקסעלראָדס „אַ מייסטעריש־שיין ליד, אַ קרעדאָ־ליד", שורות, וואו דער דיכטער שטעלט זיך פאַר פאַר די לייענער:

„אַלע שורות מיינע וואַקלדיקע, שטילע,
וועלן ציטעריק צו אייך דערגיין,
און קלאָר נאָך וועט איר דערפילן
דעם געזאַנג פון מיין געביין".

און דער קריטיקער גיט גלייך צו: „און דער גע־זאַנג פון זיין געביין איז דאָ פאַרוועבט מיט האַרבסט־אַסאָציאַציעס, ווילגלאַז, הילפלאַז, — אַ געזאַנג, וואָס רופט ניט אין ערגעץ און פירט ניט אין ערגעץ ניט, און ממילא רופט עס צו אָפּגאַנג, צו אומגלויבן"...

און דער אויספיר, וואָס י. דאָברושין מאַכט: „...אין אַלע יחידישע לידער פון דעם אַרט האָט אַק־סעלראָדס שטאַרקער לירישער עמאָציאָנעלער טאַלאַנט זיך סאָציאַל אַנטבלויזט און דעמאַסקירט. טראַכט מען זיך איין אין די אַלטע לידער, דאָ אין ביכל צונויפגע־

זאַמלטע און אינאַיינעמדיקע, דערזעט מען: אַקסעלראָדן האָט אינטערעסירט אין תּוך די באַדערזייטיקע ווינקלדיקע טעמאַטיק" (ז' 104).

און אַזוי גייט י. דאָברושין: ער ווערט נתפּעל און גיט גלייך אַ נעגאַטיוון צייכן. אָט שרייבט ער: „אַקסעלראָד פאַרמאָגט אַ סעריע לידער אין ביכל, וואָס רופן זיך ‚האַרבסט 1915' מיט אַן אונטערקעפּל ‚היימלאָזיקייט'. ס'איז אין פּרט פון קוואַליטעט פון די שענסטע, קאָן זיין, לירישע לידער, וואָס אַ דיכטונג מעג זיך ווינטשן, — אַזאַ זויבערקייט פון קאָנדענסירטער שטימונג, פּאָעטישע אײנפאַכקייט און העל־קלאָרע קאָנטורן פון פאַרביקן בילד און וואָרט, און דער אינהאַלט — עלעגישע פּאַסיווע איבערלעבונגען פון אַ שיכט, וואָס וואָגלט אַן אַרויסגעיאָגטער אין די מלחמה־יאָרן, וואַלגערט זיך אין די וואַגאָנען פאַרלאָרן און האָפענונגלאָז".

הקיצור, די קריטיק האָט אַקסעלראָדן מיט איין האַנט געגלעט, און מיט דער צווייטער — שטאַרק און אָן רחמנות געשטראָפט.

8.

אַן אַרטיקל פול מיט לויב־געזאַנג און טיפער פאַרערונג פאַר ז. אַקסעלראָדן איז פאַרעפנטלעכט געווען אין קיעווער „סאָוועטישע ליטעראַטור" (יוני, 1940) פון ג. יאַבראָוו.

ווייזט אויס, אַז עס איז געקומען אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַרישער משפחה אַן ערנסטער ווילן צוצוגיין צו ז. אַקסעלראָדס דיכטונג אַנדערש. אָט הערט נייע ווערטער וועגן אים: „אַקסעלראָדס פּאָעזיע איז דערהויפּט אַ לירישע. דער דיכטער רופט זיך אָפּ און לעבט איבער מיטן גאַנצן לאַנד זיין פרייד. נצחון און רום. ער זעט דאָס לאַנד אין רעגנבויגנדיקער פילפאַרביקייט און זיין ‚איך' איז איין שטיק מיטן גאַנצן לאַנד. פרוי און געליבטע, פריינט און חבר, טרוימען און בענקשאַפט, אינטימסטע געפילן און ניואַנסן עקזיסטירן נישט אַן און פאַר זיך, אָפּגעריסן פון אַרום,

נאָר זיינען דורכגעדרונגען מיט געזעלשאַפטלעכקייט, פאַרבונדן מיטן גאַנצן ברויזנדיקן לעבן".

ג. יאָבראָוו ברענגט שורות פון אַ ליד:

„אַז אַזעלכע ווי איך
דאַרפן אין מעכטיקן גאַנג
זיין מיט אַלעמען גלייך
ניט אין ווינקל פאַרקליבן,

אַז יעטווידער קלאַנג
ווי אַ טראָפּעלע בלוט,
זאָל אַראָפּרינען טיף
פון מיינע ליפּן".

אָט־די נייע אָפּשאַצונג פון אַקסעלראָדן איז וויכטיק פאַר אונדז, ווייל ער שלאָגט־אָפּ, פרעגט־אָפּ די טענות־מענות, וואָס די פריערדיקע קריטיקער האָבן געהאַט צו אים.

הערט נאָר ווערטער:

„אַקסעלראָדס פּאָעטיש וואָרט איז ווירקזאַם און שלאָגעוודיק דווקא מיט זיין פּינקטלעכקייט, מיט זיין לאָגישער קראַפט. אַקסעלראָד האָט אויסגעטראָטן זיין איגנאַרטיקן וועג אין אונדזער פּאָעזיע. און אָט־דעם דאָזיקן וועג פון אַקסעלראָדס שאַפן ווילן מיר דאָ באַהאַנדלען".

„וועלכע קינסטלערישע מיטלען כאַראַקטעריזירן אַקסעלראָדס פּאָעזיע?" — פרעגט ג. יאַבראָוו, און ער ענטפערט: „דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אין אַקסעלראָדס דיכטונג, איז צמצומדיקייט און שפּאָרזאַמקייט. דאָס איז איינס פון די גרעסטע מעלות פון זיין ליריק. זיינע לידער טראָגן נישט קיין שרייענדיקע קעפּלעך. זיי זיינען פריי פון יעטווידער דעקלאַמאַציע"...

ג. יאַבראָוו רעדט וועגן אַקסעלראָדס לידער, דאָס רוב — קליינע, קורצע, און ער זאָגט: „אָבער דאָס קליינע ליד זאָגט אָפטמאָל אַ סך מער, ווי צענדליקער און הונדערטער צעצויגענע שורות. דער פּאָעט ווייסט גוט די אחריות, וואָס ער טראָגט אויף זיך אַלס בירגער און פּאָעט, און דער דאָזיקער אחריות־געפיל דרינגט דורך זיינע לידער".

הקיצור, דאָ ווערט אַרויסגעבראַכט דורכן קריטיקער ז. אַקסעלראָד אין אַ גאָר נייער ליכט, גאָרנישט אין דער „טראַדיציע" פון דער ביזאיצטיקער קריטיק

אויפֿן חשבון פֿונעם טאַלענטפֿולן און אייגנאַרטיקן אַק־סעלראַד.

אַט ברענגט ער פֿערזן פֿון אַ ליד „אחריות“ וואו מיר האָבן צווישן אַנדערע אַזעלכע שורות:

„און אָנגעשטרענגט ביסטו ביז קורצזיכט פֿון אויגן,
ס׳איז אָנשטרענגונג איצטער דיין ערשטער באַדינג,
און רייף ווערט נאָך מערער דער מעכטיקער גלויבן,
אַז טראָגן אחריות איז קיינמאָל ניט גרינג“.

„די דאָזיקע אחריות, — זאָגט יאַבראָוו, — צווינגט דעם דיכטער שטענדיק צווייפֿלען אין זיין כוח און קראַפֿט צו באַנעמען אַלץ, וואָס עס קומט פֿאַר פֿאַר זיינע אויגן. אָבער אפֿילו אין די מאָמענטן פֿון צווייפֿלונג ווייסט דער פּאָעט נאָר איין זאַך, אַז דער „ווער עס קאָן אין גאָרניט גלויבן, זאָג איך, דער איז גאָר־נישט ווערט“.

ג. יאַבראָוו „רעהאַביליטירט“ כסדר אַקסעלראָדן און זיין דיכטונג, וואָס די קריטיק האָט געהאַלטן אין איין טאַדלען. ער שרייבט: „בוילעט און קלאָר דריקט אויס אַקסעלראָד זיין פּאָעטישע קרעדאָ אין זיין ליד „אַ בריוו צו איינעם אַ רעדאַקטאָר אַ קריטיקער“:

„...און מיר שרייבן לידער,
זוכן ס׳פּאַסיקע וואָרט,
טרעפֿן אַהין
וואו מיר צילן,
זיין זאָל דאָס וואָרט
אי לויטער, אי קלאָר,
אי אונטערוואָרפֿן
דעם אייגענעם ווילן,
זיין זאָל דאָס וואָרט
בוילעט און שאַרף,
ווי אַ רייטאַרמייאישע ווענדונג,
און ניט גיין זאָל באַזונדער
דער קאָפּ פֿונעם האַרצן,
גאָר אין ריי,
און אינאיינעם שמעטעריק...“

„אין וואָס באַשטייט פֿאַרט דער כוח פֿון אַקסעל־ראָדס פּאָעזיע?“ — באַמיט זיך ג. יאַבראָוו צו דער־גיין צום תוך פֿון זיין דיכטערישן שאַפֿן. „אַקסעלראָדס לידער האָבן זייער אייגנאַרטיקן ריטם. יעדעס וואָרט און וואָרט־באַהעפֿט דריקט אויס אוממיטלבאַרן געפֿיל... ער פֿילט אין זיך אַ סך שאַפֿונגס־קראַפֿט. דאָך איז ער באַשיידן: „אַזוי ציטעריק־שטיל איז מיין ליד“.

ג. יאבראָוו באַטאָנט אויך די נאָענטקייט זיינע „צו די קוואַלן פון דער פאָלקס־שאַפונג״, וואָס „האָט אויפֿגעהויבן אַקסעלראָדס פּאָעזיע אויף אַ באַדייטנדיקער קינסטלערישער הויך״.

דער אַרטיקל איז פֿאַרעפֿנטלעכט זומער, 1940, אין דעם קיעווער „אָרגאַן פֿונעם פֿאַרבאַנד סאָוועטישע שרייבער אין אוקראַינע״, וואָס זיינע רעדאַקטאָרן זיינען דאַן געווען: ה. אָרלאַנד, א. גאנטאָר, ד. האָפשטיין, אי. פעפער, ה. פּאָליאנקער.

הייסט עס, אַז אין יענער צייט האָט מען שוין גאָר אַנדערש אויפֿגעפּאַסט זעליק אַקסעלראָדן און באַגריפֿן זיין גאָרע אייגנאַרטיקייט.

.9

מיר ווייסן מער־ווייניקער וועגן שאַפונגס־וועג פון זעליק אַקסעלראָד, אָבער פיל ווייניקער ווייסן מיר וועגן זיין לעבנס־וועג. ער האָט „געקראָגן אַ טראַדיציאָנעל יידישע דערציאונג״ און אפילו „געלערנט אין אַ ישיבה״. „האַרבסט 1915״ הייסט אַ ציקל פון זיינע לידער, וואָס דערציילן וועגן שווערע איבערלעבענישן, ווען ער איז געווען אַ יונג יינגל פון 11־12 יאָר. זיין משפּחה איז אַרויסגעשיקט געוואָרן בעתן ערשטן וועלט־קריג, פון דער יידישער ליטע אַזש ביזן רוסישן טאַמבאָוו, אין „אַ וועלט פון שניי און אויף בלוטיקע שטיינער״. און וועגן דעם זיינען דאָ אַזעלכע טרויעריקע שורות אין זיבעטן אַ ליד:

„שטיל און עקשנדיק אַ מאַמע האָט געבוירן,
מעסטנדיק פון ווילנע קיין טאַמבאָוו...
וויינט אַ קינד, פאַרוויקלט דאָ אין שטרויען,
אויף טרעפּלעך הילצערנע פון נאַקעטן וואַגאָן״.

און ער דערמאָנט זיך: „האָב איך אין וואַגאָן געלאָזן / אַ וויכע, אַ קינדערשע טרער״. זעליק האָט אַ ברודער אַ טאַלענטפולער מאָלער־צייכנער. ער רעדט וועגן דעם אין זיין ליד „ווי אַלע קינדער״. און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן זיין ווייטערדיקער גאַנג, און ווי זאָגט ער אינעם זעלבן ליד: „ס׳איז גרויס די וועלט

אויף זוכעניש און וואַנדער"... און דורך פאַרשיידענע אומוועגן־וועגן דערשלאָגט זיך זעליק צו פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די סאָוועטיש־יידישע שרייבער. און אויך אָט־דער גאַנג איז געווען נישט קיין גרינגער, נישט מיט רויזן אויסגעשפּרייט. ווי זאָגט ער, דער פיל־אויסגע־פּרוּווטער:

„שטענדיק קאָסטן מענטשן־לעבנס
יעדער נייער, זייטער קער".

און ער באַרעכטיקט עס, ווייל „וועמען ס'איז אַ סך געגעבן, / פון יענעם ווערט געפאָדערט מער".

אין אַ שמועס מיט אונדז, אויגוסט, 1934, האָט יוסף אָפּאַטאָשו, וועלכער איז דאַן געקומען פון מאָס־קווע קיין וואַרשע, איבערגעגעבן זיינע פרישע איינ־דרוקן וועגן דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער באַראַ־טונג פון יידישע שרייבער אין ספ"ב, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן דעם 6־8טן אויגוסט („ליט. בלעטער", נ' 33, פון 17טן אויגוסט 1934). האָט ער צווישן אַנ־דערן געזאָגט: „ביז איצט האָבן די סאָוועטישע יידישע שרייבער זיך אַלץ געוואָלט איינרעדן, אַז ס'איז אַ לי־טעראַטור אויף יידיש, איצט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ „יידישע ליטעראַטור". י. אָפּאַטאָשו האָט דאַן אויס־גערעכנט פאָלגנדיקע שרייבער, וועלכע האָבן „געהאַלטן דורכגעטראַכטע רעדעס": פּרץ מאַרקיש, י. בראָנ־שטיין, איזי כאַריק, מ. ליטוואַקאָוו, מ. קולבאַק, א. קוש־נירעוו, אי. פעפער, זעליק אַקסעלראָד".

כדי צו האָבן אַ פולן באַגריף וועגן ז. אַקסעל־ראָדן אין לעבן, באַדאַרף מען אַדורכבלעטערן די טעג־לעכע יידישע צייטונגען פון מינסק, כאַרקאָוו, מאָסקווע און זען, ווי ער באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע קול־טור־ליטעראַרישע טעטיקייטן.

און אָט אַ פּאָר אַרויסגעכאַפּטע פּרטים וועגן אַק־סעלראָדן.

אויף אַן אָוונט אין מינסקער פּעדאַגאָגישן טעכ־ניקום, וואו משה קולבאַק האָט איבערגעגעבן פאַר אַ גרויסער צאָל סטודענטן און לעקטאָרן וועגן דעם אָפּ־געהאַלטענעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שריי־

בער, האָבן געלייענט זייערע לידער: אַקסעלראָד, קאַצאָוויטש, טייף, פּלאַטנער. און „די סטודענטן האָבן אויפגענומען די דורכגעלייענטע ווערק מיט גרויס פרייד“.

און אָט אַ ידיעה פון 1937. פּרץ מאַרקיש האָט געלייענט פאַר די אַקטיאָרן פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין מינסק זיין נייע דראַמע „די משפחה אָוואַדיס“, און אינעם מיינונגס־אויסטויש האָבן זיך באַטייליקט מ. קולבאַק, מ. טייף, ז. אַקסעלראָד, איזי כאַריק, מ. ראַפּאַלסקי, א. אַגד.

ווען ס'האָט גענומען דערשיינען אין 1936 דער בּיראָבידזשאַנער זשורנאַל „פאָרפּאָסט“ ווערט צווישן די צען איינגעלאַדענע אָנגעזעענע יידישע שרייבער פון סאָוועטנפאַרבאַנד אַריינגערעכנט דער נאָמען זעליק אַקסעלראָד. און זיין אָנזען, ווי אַ פאָרשטייער פון דער ווייסרוסלענדישער יידישער שרייבער־משפחה וואַקסט נאָכן טרויעריק־טראַגישן „פאַרשווינדן“ און נאָכן גרויליק־טראַגישן, ביז איצט נישט אויסגעפאָרשטן, טויט פון זיינע מיטצייטלער־מיטשאַפער און חברים־קאָלעגן פון מינסק — איזי כאַריק און משה קולבאַק.

10.

ביים אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג אין 1938 און אין דעם יאָר 1940 און אַ טייל פון 1941 איז זעליק אַקסעלראָד, ווי אַ צאָל אַנדערע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, געקומען אין די פוילישע שטעט, וואָס זיינען דאַן פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי. אין 1939 האָט ער געלעבט אין ביאַליסטאָק, וואו חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון א. מ. ווייסענבערג. ער האָט אַרויסבאַוויזן פיל פריינטשאַפט און נאָענטקייט צו די יידישע שרייבער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון וואַרשע. ער איז דערנאָך געקומען קיין ווילנע צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר פון מינסקער צייטונג „אָקטאָבער“ מאָדעל. און דאָ, אין ווילנע, ווי ס'ווערט איבערגעגעבן, איז פאָרגעקומען אַ סכסוך, וואָס האָט געבראַכט דערנאָך צום אַרעסט פון אַקסעלראָדן. מען איז

געזעסן אין אַ האָטעל־צימער מיט אַ פּאָר ווילנער יידישע שרייבער. איז אַריינגעקומען דער רעדאַקטאָר פון „ווילנער עמעס" דוד אומרו (דיכטער און דערציילער, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס, יולי 1941) און אַ צערודערטער איבערגעגעבן דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי אָפּצושטעלן די יידישע צייטונג. „מיר וועלן נישט דערלאָזן! — האָט אין אויפרעגונג אויסגערופן אַקסעלראָד, — איך וועל גיין אין דער פּאַרטיי און דערקלערן, אַז ווילנע איז נישט מינסק!"

און אָט דאָס זאָל האָבן געהאַט אַ פאַטאַלן פּועל־יוצא פאַרן דיכטער.

עס זיינען אויך דאָ ידיעות, אַז ז. אַקסעלראָד האָט זיך אַפּריל 1941 באַטייליקט אין מאָסקווע אין אַ שרייבער־באַראַטונג, ער האָט אויך באַזוכט קאָוונע. שיינע מרים בראָדערזאָן גיט־איבער (אין איר בוך „מיין לייַדנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן", בוענאָס־איירעס, 1960) פּרטים וועגן אַקסעלראָדן, וועלכער איז געקומען פון מינסק קיין ביאַליסטאָק. אויך פון מאָסקווע זיינען געקומען פּעפער, מאַרקיש, האַלקין, א. אַנד. „ער האָט פאַר אַלעם געהאַט אַ גוט וואָרט", און זיין גוטסקייט האָט אפילו ביי די שרייבער־פּליטים לכתחילה אַרויסגערופן אַ חשד"... און ווי שיינע מרים גיט־איבער, איז געקומען צו אַ שאַרפן שטרייט צווישן אַקסעלראָדן און דעם קאָמיסאַר הערשמאַן. לויט דער באַפּולמעכטיקונג פון מינסקער יידישן שרייבער־פּאַרבאַנד, איז ז. אַקסעלראָד צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אַ פּאַראיין פון יידישע שרייבער, ס'זיינען אפילו אָפּגעהאַלטן געוואָרן איניקע פאַרזאַמלונגען. דער קאָמיסאַר הערשמאַן האָט אַרויסגערופן דעם דיכטער. ס'איז געקומען צו אַ שאַרפן אויסרייד, דער קאָמיסאַר האָט באַליידיקט אַקסעלראָדן און אים באַשולדיקט אין יידישן נאַציאָנאַליזם, און אָן אַ זייַ־געזונט איז אַקסעלראָד פאַרשוואונדן פון ביאַליסטאָק. מ'האָט איבערגעגעבן, אַז ער איז אַרעסטירט, זיצט אין מינסקער תפיסה, און נאָכן אויסברוך פון דעם סאָוועטיש־דייטשן קריג, איז אַקסעלראָד דערשאָסן געוואָרן דורך דעם

„נ. ק. וו. ד.״ א סאָוועטיש־יידישער שרייבער, דער־ציילט מען, וואָס איז בייגעווען ביים דערשיסן, האָט איבערגעגעבן, אַז בעתן אומפאַלן, האָט זעליק אַקסעל־ראָד אויסגערופן: „מאַמע, אוי, רבונו של עולם!״

צי אַלץ איז דאָ ריכטיק, ווייסן מיר נישט.

עס איז דער הייליקער חוב פון די פאַרבליבענע יידישע שרייבער, די קרובים און קאָלעגן פון זעליק אַקסעלראָד, פעסטצושטעלן גענוי די פּרטים פון זיין אומזיניקן אַרעסט און פון זיין גרויזאַמער דערמאָרדונג.

זעליק אַקסעלראָד, דער טאַלענטפולער, אייגנאַר־טיקער און טיפער סאָוועטיש־יידישער דיכטער האָט געטיילט דעם טראַגיש־גרויליקן גורל פון זיינע באַ־ענטע מינסקער קאָלעגן איזי כאַריק און משה קולבאַק, און פון די אַלע אַנדערע אָנגעזעענע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וועלכע זיינען אכזריותדיק אומגעבראַכט גע־וואָרן.

לידער פון
זעליק אַקסעלראָד

זוכט אַלץ נאָך

זוכט אַלץ נאָך אין הייליקן אָרון אַ טאַטע
אליהו דעם נביאס אַ כוס —
כאָטש שטאָט האָט געצייכנט אויף הימלען
מיט קינדער־נשמות אַן אות.

ערד האָט פאַרלאָרן אין וועלט־דראָנג אַ טאַטן,
וועלט האָט צעריסן אַ הארץ,
און ברודער פירט שטיל זיין געגנבעטע שוועסטער
דורך שוואַרץ־שוואַרצן מאַנטל פון גאַס...

זוכט אַלץ נאָך אין הייליקן אָרון אַ מאַמע
אליהו דעם נביאס געזיכט,
ווען ס'קייקלען זיך געטער אין בתי־מדרשים,
ווי חלבענע טראָפּנס פון ליכט.

1922

שטייט אַ שטאָט

שטייט אַ שטאָט
אין ווייסע ליילעכער געוויקלט ווייס
און מורמלט בלאַס איר לאַנגזאַמע תּפילה
פון דעכער בלעכענע צערונענע אין מילך
מיט פּאַסן ליזוונטענע, מיט אַלטע שטילע —

איך בין היינט סקולפּטאָר פון אַ פּערל־נאַכט!
אויף קאַלטע תּכלתדיקע קופּלען
גיס איך אויס
פון פאַרבן העל אַ גיפּסן גיפּסענע לבנה
און רואיק טריפט דער לויטער אייל
פון קוימענס ציגלנע אויף ערד זאַכטער פאַרטראַכט —

אין לאַנגע ליילעכער געוויקלט ווייס
שטייט סודותדיק אַ בלאַסע שטאָט
און דוכנט שטום מיט מיר אויף זילבערנער לבנה...

1922

אין בלוט פון לייב

אין בלוט פון לייב איז מיר פאַרבליבן
שטורעם העלער פון צעלאָזטער ערד,
ווי זאָל איך ווייגען, ווי זאָל איך ליבן,
היינט דאַרף מען אַנדערש, און אַנדערש איז שווער.

וויסער שניי האָט יאָרן דאָ פאַרדעקט
און יאָרן וועלן זיך צוריק ניט קערן...
כ׳דאַרף ניט וויסן פאַראויס מיין וועג,
מיין בלוט מיין טריפנדיקס וועט אים דערהערן.

איך ליב אויף מויל אַ העלן שמייכל,
אויך נאָענט, ליב מיר ברודערס אַ געוויין...
דערפאַר פאַר פרעמדע איז מיין וועג באַצייכנט
מיט בלויקייט טונקעלער: „ער בענקט“.

צו ווייסער רו וועט ווער מיך ניט פאַרפירן,
בלוט פון לייב איז שטענדיק אויף דער וואַך,
אַלע מאָל וועט דערקענען מיינע טירן,
די פרייד די העלע, וואָס קומט דורך נאַכט...

כ׳ווייס ניט, וואָס אין טיף באַהאַלטן אַלע,
ווי יעדן גרינג איז קומען און פאַרגיין.
אויף מיר, זאָגט מען, איז שטילער ווי געפאַלן
און עלטער בין איך פון זיך אַליין...

שעם איך זיך פאַר בלי פון מיינע אויגן,
מיין אייגן האַרץ ווערט אָפט מיר פרעמד...
ווי אַלע יונגע טראָג איך דאָך מיין גלויבן
מיט בלוט פאַרשניטן און צו שיין געווענדט...

1924

מיין ערשטע ליד

אַז כ׳האָב מיין ערשטע ליד געבראַכט צום דרוקן,
האָבן אַלע זיך פאַרזאַמלט אַט אָ דאָ.
כ׳האָב ניט געוואוסט:
צי מעגן מיינע אויגן קוקן,
צי דאַרף איך שטיין אַזוי אַ גאַנצע שעה...

אַן אייזן־איקועלע מיט רויטע קוילן
האָט הייס דעם צימער אָנגעגליט.
און קיינער האָט מיר ניט געקאָנט דערציילן,
וואָס איך וויל דאָ אין מיין ליד.

עפּעס אַזוינס האָט זיך פון מיר געריסן,
געוואָלט האָב איך אי נאָך, אי מער.
מיין יוגנטלעכן טרוים און ליכטיקן געוויסן
אין קליינע שורהלעך געבראַכט אַהער.

אויפמאָרגן אינדערפרי האָט מען צעקלעפּט די בלעטער,
געלע בויגנס־בלעטער אויף יעדן ראָג.
בין איך צוגעלאָפן צו אַ פרישן „וועקער״
און זיך אַליין געטאָן אַ זאָג:

מיין ערשטער וואָרט — פאַר אַלעמען, פאַר אַלע!
מיין ערשטער וואָרט — פאַר גאַסן אַ גערוס!
און ס׳איז מיר אַזאַ ליכטיקייט באַפאַלן,
ווי כ׳וואָלט נאָרוואָס מיין נאָמען זיך דערוואוסט.

אַלטע היים

אַלטע היים איז אין טונקל פאַרשטעלט,
ווי שויב הינטער צודעק פון לאָדן,
איר אַרט ניט — וואָס ערגעץ אַ וועלט
ליגט מיט ביקס אויף האַרצן באַלאָדן.

איר אַרט ניט, וואָס העלע שיין
ווערט העלער און ווערט מיר ליבער,
וואָס שטאָט אין גאַס, ווי רויטער ווײַן
גליטשן זיך אויף קעפּ אַריבער...

אַלטע היים איז פויל און שלעפּערדיק
און ציט צום צענטן אַ גוטע נאַכט,
נאָר איך — איך בין שוין מער ניט שעמעוודיק
ווי יענע שינדלער אויף קרומען דאַך.

ווײַסער זיידע קאָן שוין גאַרניט ווײַזן
זײַן ליבן אייניקל, זײַן יונגן זון,
וואָס איז אַוועק אין שטאָט צום אײַזן,
וואָס איז אַרויס ווי ערשטער קלונג...

1925

זומערדיקע נאַכט

זומערדיקע נאַכט פאַרגייט אין שטילקייט ריינער...
איך וויל היינט לאַכן, לאַכן — איך וועל היינט וויינען...

ווי רויש פון טאָג וואָלט קיינמאָל ניט געווען,
נאָר הויכע שטאָט מיט שיין אַריבער ווענט...

אויף גאַסן אָפּענע אַהין און צריק,
וואָגלען מיידלעך און זוכן פרעמדן גליק...

„יונג דו מיינער, יינגל, ווער דו ביסט,
ליבן דאַרף מען שטענדיק, ליבן מוז מען איצט!...“

וועל איך איינע רופן, כ׳וועל אַ נאַכט איר גלויבן,
מיטן גלויביק האַרץ און שרייענדיקע אויגן...

זומערדיקע נאַכט פאַרגייט אין שטילקייט מיינער,
וועל איך לאַכן היינט און וויינען, וויינען...

1925

האָט אַמאָל מײַן זיידע

האָט אַמאָל מײַן זיידע אין אַ ווילנער שול
אויסגעזונגען זיך און געוואָרן דול...

זינג פאַר מיר — נו, האָב איך אַ האַרץ אַ פּייפל —
אַזוי ווי זינגסט בײַנאַכט פאַר זיך אַליין,
ווען זון האָט זיך ביז ערד פאַרקײַקלט,
און וויל טיפער, ווייטער ניט פאַרגיין...

מײַנע אויגן אויף גאַס אָוועקגעלייגט
פיר מיך אָפּ אויף נאַכטלעגער אַהיים...
כ׳האָב אויך אַ האַרץ — אַ שטילן פּייפל,
ווײַן איך אין דער שטיל אויפן פאַרגיין...

מיט קאַלטן ליכט איז שטאָט איצט פול,
און ס׳הענגען, וויגן זיך אַזעלכע שטערן...
זינג צום לעצט מיר — פון אַ זיידן, וואָס איז דול,
און פון אַן אייניקל, וואָס קאָן נאָך דולער ווערן...

1925

אַט דער ברעג

אַט דער ברעג פונעם טײַך און דײַן נאָמען,
בײַנאַכטיקער ציטער און ריר, —
ווי ס׳פאַרבויגט זיך אַ האַלבע לבֿנה,
פאַרבויגט זיך דײַן קאָפּ צו מיר...

בלוט איז בלוט, און גלויבן איז גלויבן,
נעם אָרום, דריק צו אַט אַזוי...
ווען עס ווערן שעמעוודיק אויגן —
ווילט זיך מערער נאָך קוקן אויף זיי...

וויקלט זיך האַנט אויף אַקסל אַריבער,
נאָר אַ הויב, נאָר אַ שאָקל דעם קאָפּ,
פלייץ פון טײַך גיסט זיך איבער,
רייץ פון בלוט שווימט אויף און שווימט אָפּ...

1926

קיינער וויל ניט

קיינער וויל ניט הערן אומטיקן קלאַנג,
ווען אין שויבן קלאַפּט שוין אָן דער טאָג...
זיך אַליין דאַרף איך אַ סך נאָך זאָגן,
פרעמדע, ווייטע האָבן מיר שוין אַלץ געזאָגט.

מיין אייגן קאָפּ הויב אָן היטן,
אויף אַנדערע פאַרלאָזן זיך — געגנוג...
אַ ווייטער ווינטער האָט מיך געזאָלט פאַרשיטן,
פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן קלוג...

מיר זיינען דאָ געוואוינט מיט טויזנטער צו ריידן,
שרייען,ברייען ביז די ווייסע ציין...
זאָל אומטיקער פייער זיך פאַרשפּרייטן,
שוין צייט אַ רעד טאָן מיט זיך אַליין.

מיין לינקער אויג איז שוואַרצער, גרעסער,
קוק איך ווען ניט איז אַזוי אויף זיך...
איך וויל ניט, איך וויל גאָרניט קיין בעסערס,
נאָר קענען שרעק פון אייגענעם געזיכט.

עס רוט אויף מיר דער ווינענדיקער שמייכל,
מיין רויטער אויסגעשריי אין ווייסן פראָסט...
רוסלאַנדס ערד האָט אויף מיר פאַרצייכנט
אַזאַ שטילן, לויטערן פאַרדראָס...

שרעק איך זיך פאַר קומענדיקן וואָגל,
פאַר מיין שטייגן אין אַ ווייטן טאָג...
זיך אַליין דאַרף איך אַ סך נאָך זאָגן,
פרעמדע, ווייטע האָבן מיר שוין אַלץ געזאָגט.

1926

גוט זיינען

גוט זיינען פרימאָרגנדיקע רייד,
נאָר ליכטיקער איז אָונטיקער שווייגן —
אַזאַ ווען אין בלויקייט איז פאַרשפרייט
אויף פאַלן און אויף שטייגן...

לאָז איך איבער אַן אָפענע מיין טיר,
קיינעם, קיינעם וויל איך מער ניט הערן...
ס׳האָט מיין אָטעם ווידער אָנגערירט
אַזאַ שיין און אַזוי פיל שמערץ...

גיי איך אום און ס׳וויקלט זיך דאָ איבער
וואָס עס איז געווען און וואָס עס דאַרף נאָך זיין...
קענטיק אויף לאַנג האָט זיך צו מיר פאַרקליבן
אָט דער שטילער אָונטיקער שיין...

אַ ווילע ציט זיך אויס פאַר מיר דער טויט,
אָדער ס׳טראָגט זיך גאָר פון וויטן שטייגן...
גוט זיינען פרימאָרגנדיקע רייד,
נאָר לויטערער איז אָונטיקער שווייגן.

1926

ווי אַלע קינדער

ווי אַלע קינדער האָב איך אויך אַ היים,
אַ טאַטן מיט אַ מאַמען און צימערן אַ פּאָר.
און בלייב איך ווען ניט ווען אין שטוב אַליין,
פאַרטראַכט איך זיך אויף טאַטנס גרויע האָר...

די אונטיקע שעה, די טונקעלע און קלאָרע
גיט דעם קאָפּ מיינעם צו אים אַ צי.
אַזוי פיל לויטערקייט האָט ער פאַרלאָרן
אין שעה׳ן פּיין, אין יאָרן מי...

זיין דאַרער פּנים האָט פאַרהיט די צייכנס
פונעם גרויסן וואָגל איבער קאַלטן לאַנד,
זיין זון זיין עלטערער נאָר מאָלט און צייכנט
מיט ציטעריקע פינגער פון זיין האַנט...

און איך, זיין צווייטער זון, גאָר לידער שרייב,
וואָס קאָנען מיינע פּערזן אים פאַרטרויען?
אַז ס׳פּעלט אַמאָל אַ העמד אים אויפן לייב,
אָדער, אַז הימל שיינט ווי אַלעמאָל אין בלויען...

הינטער פענצטער פאַלט אַ ווייסער שניי.
אַ ווינטער־אָוונט, אַ געסעלע אַ וויסטע.
זיין דריטער זון איז איצט אין דער אַרמיי
און שיקט אַהיים בריוו אומזיסטע...

מיר קלייבן זיך צונויף און גייען זיך פאַנאַנדער,
יעדערער באַזונדער, יעדערער מיט זיך.
ס׳איז גרויס די וועלט אויף זוכעניש און וואַנדער,
און קליין די שטוב אין טונקעלע פאַסן ליכט...

דער פרילינג איז אַוועק

ס'איז חודש יול, דער פרילינג איז אַוועק.
עס גיסן זיך אָן זאַנגען און ס'צייטיקן די קערנער.
און איך גיי ערשט אַרויס אין מיטן וועג,
— אַ מעסט טאָן זיך אַליין, ווי אָקסן מיט די הערנער...
מיט עמיצן פאַרמעסטן זיך איז אייביק שווער, —
מיט זיך אַליין איז טויזנט מאָל נאָך שווערער,
עס שלאָגט דאָס בלוט אין מיר, — איך הער,
און ס'קוועלן אָן די אָדערן נאָך מערער, מערער.

ס'איז גוט אַ פּייפל זיין איין מאָל נאָר אין יאָר,
אַ שפּילעכל איז גוט פאַר קינדער קליינע,
נאָר ווען די שלייפן ווערן הייל און ווייניקער די האָר,
מיט וואָס זאָל איך דאָס אַלץ אַצינד באַלוינען?

אַ פּיצל קינד — ווייס זיין מאַמעס ווייסע ברוסט,
אַ גרויער זקן — זעט זיין סוף אין עבדן,
און איך האָב זיך אין מיטן וועג דערוואוסט,
אין טויזנט זייטן קערן זיך, אין טויזנט זייטן ווענדן.

ווערט שווער אַמאָל מיין שוואַרצן קאָפּ
אַ לאַסט אַזאַ וואַרפן און פאַרהויבן,
אַ פולער זאַנג נויגט זיך טיף אַראָפּ,
אַ זאַנג אַ ליידיקער ציט זיך אַלץ צום אויבן...

ס'איז חודש יול, דער פרילינג איז אַוועק.
אין רייפן גלאַנצן האָט זיך אַ זאַנג צעשמייכלט.
און איך גיי ערשט אַרויס אין מיטן וועג
מיין פעסטע קלאָרקייט צו דערגרייכן...

זײַ געבענטשט

זײַ געבענטשט, מײַן פֿאַרלאָזענע הײם!
האָסט געװיס מיר די װילדקײט פֿאַרגעבן..
איך רײד שױן אַזױ פֿיל פֿון זיך אַלײן,
ביז כ׳פֿאַרגעס אונדזער אַלעמענס לעבן...

אַזױ ציטערדיק־שטיל איז מײַן ליד,
װי זי װאָלט מיר אָן אָונט דערמאָנען...
אַז מען שטעלט נאָך די ערשטע טריט,
איז אַלעמען ליב דער נאָמען...

מיך אױך האָט מען ליב — מען גריסט און מע גריסט,
װי יונג ער איז נאָך און גלױביק...
גלײַך מײַן װילדער, קינדערשער ריס
פֿאַרגײט אין געזאַנגען אױף אײביק...

בין איך איצטער אַ גאַסט אין מײַן הײם,
אַ גאַכט אַזאַ ליבער און מילדער.
רײד איך װידער פֿון זיך נאָר אַלײן
מיט מײַן פֿלאַפֿל און גאַנצן געפֿילדער...

אַזױ ציטעריק־שטיל איז מײַן ליד
און איך בין אַזױ ניט באַשײדן...
אַז מע שטעלט נאָר די ערשטע טריט,
װילט זיך רײדן און רײדן און רײדן...

1926

מיין חבר איזי כאַריק

.1

האָב איך ווען באַליידיקט דיך — פאַרציי!
אַלץ רעדט אַרויס דער ריס פון ליפּן.
אונדזער חברישע ליבע איז פאַרביי,
און נאָר אַ שווערקייט ז׳צווישן אונדז פאַרבליבן...

האָסט מיטאַמאָל צעצונדן דיינע ליכט,
און איך האָב איינציקווייז געלאָשן און געצונדן.
האָסטו פאַר פרעמדע באַהאַלטן דיין געזיכט,
גלייך ווי נאָענטקייט איז שוין פאַרשוואונדן...

אַלץ און אַלץ וועל איך דיר שענקען:
— דיין ברוגזדיקע שאַרפקייט קיינמאָל ניט.
ווען ס׳זינגט אַרויס פון דיר אַ בענקען,
ליב איך דאַן די שורות פון דיין ליד...

האָסט גענוג געשריען, דאַרפסטו שווייגן,
זיץ און קוק אויף אָוונטיקער שיין,
ווי אין בלויקייט און אין רויטן שטייגן
דערמאָנט זיך נאָך אַ נאָענטער, אַ פריינט...

אַלץ קומט אויף און גייט פאַרביי,
ציטער קינדערשער און חברישע קושן...
אפשר טרויעריק אַזוי און אפשר סיי ווי סיי
לעבן זאָלן חברישע גרוסן.

יאַנואַר, 1926

.2

מיר האָבן זיך צעשיידט
און זיינען זיך צעגאַנגען
ניט מיט גוטע רייד,
מיט ליכטיקע געזאַנגען —

איבער מאָסקווע־שטאָט,
איבעם לאַנד פון ראַטן,
מיר ווייסן דעם געבאָט
קיינמאָל ניט פאַרראַטן...

האָט ער מיר געזאָגט:
— לאָמיר טרינקען וויין!
— גוט, — האָב איך געזאָגט, —
— ווי דו ווילסט זאָל זיין...

אין אַ רויכיק שענק
אין אַ שענק אַ שפּעטן,
זיצן אָנגעלענט
צוויי יידישע פּאָעטן...

זינגט אונדז אַ ציגיינערין:
— ליב געהאַט געננוג,
— מען דאַרף נאָר ניט פאַרפיינערן.
— וואָס געשען איז קלוג!

שטייט די פלאַש אַ פולע,
זע! מיר טרינקען ניט!
מיר, צוויי דיכטער דולע,
לייענען אַ ליד...

און מיר שפּאַנען ווידער
איבער מאָסקווער ברייט,
און מיר לייענען לידער,
און זייַנען הערן גרייט.

וואָס און ווער איך בין
ווײַסטו פון ליד באַלד טרעפן,
מיר וועלן ביז באַגין,
יאָ! ביז באַגין זיך שלעפן...

לויפט דורך אַ טראַמוויי,
איז ניט לאַנג געטראַכט,
און געזונט מיר זײַ!
האָב אַ גוטע נאַכט!

האָב אַ גוטע נאַכט!
און געזונט מיר זײַ!
און ניט לאַנג געטראַכט
יאָגט שוין דער טראַמוויי...

מיר האָבן זיך צעשיידט
און זייַנען זיך צעגאַנגען
ניט מיט גוטע רייד,
— מיט ליכטיקע געזאַנגען...

1927

איך בין געפֿאָרן רוען

איך בין געפֿאָרן רוען, — האָב זיך אויסגערוט,
שטילקייט האָט דערהויבן מיינע לידער...
דעם רויש פֿון טריפֿנדיקן בלוט
האָב איך דערהערט אויפֿסניי און ווידער...

אַלע זאָגן — וועל איך אַלעמען גלויבן,
ציטער קינדערשער ז׳פֿון מיר אַוועק...
טיפֿן שרעק פֿון מיינע אויגן
האָט אַ קלאָרע לויטערקייט פֿאַרדעקט...

האָט ווייסער שניי געגעבן זיך אַ שאָט,
אַזאַ ווייסקייט איז אין מיר פֿאַרבליבן...
איז זיכערער געוואָרן דאָ מיין טראָט,
און פֿעסטער, קלאָרער דער קלאַנג פֿון ליפּן...
1926

אַ ר ע ג ן

דעם דריטן טאָג, אַז ס׳גיסט און גיסט אַ רעגן.
איך גיי אין גאַס, דעם קאָלנער אויפֿגעשטעלט,
און טרעפֿט מיך אַ באַקאַנטער — מוז ער עפּעס פֿרעגן:
וואָס הערט זיך, חבר, אויף דער וועלט?

ניט רואיק איז נאָך אַלץ, זאָג איך, מיט כּינע,
און דער רעגן גיסט נאָך אויכעט הײַנט.
— יאָ, איך זע, זאָגט ער, ווי טראָפּנס רינען
און פֿאַר די נײַס — אַ דאַנק דיר, גוטער פֿרײַנט!

איך שטעל זיך אָפּ, איך קויף די לעצטע צײַטונג,
שטופּ אין קעשענע דאָס דורכגענעצט פּאַפּיר...
ס׳קאָן מיר איצטער קיין זאַך ניט פֿאַרבײַטן
די קליינע אותיעלעך, וואָס ריידן דאָ צו מיר.

און ס׳גיסט דער רעגן אַלץ אַזוי,
מיט טריט מיט אײַליקע איך גיי און גיי
דער קאָלנער נאַס, דער קאָלנער אויפֿגעשטעלט:
— האַ? וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער וועלט?...
1929

שאָד

אַ גאַנצן אָוונט, כ'האָב געשפּילט אין שאָד,
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
פאַרטראַכט זיך ווידער
און נאָך און נאָך...

און הענט צו מיר האָבן זיך געצויגן
גיי אַהין און גיי אַהער,
מיט יענער גיי, מיט דער...

אָפּגעשפּילט, פאַרענדיקט איז די שלאַכט!
מיר גייען בײדע, אַ גוטע נאַכט!
עטעמען מיט ווייסן שניי,
זיך זעטיקן מיט ראָזער שיין,
איך און קעגנער מיינער,
מיין חבר און מיין פריינט —

גיט ער זיך אַזוי צו מיר אַ ווענד
— האָסט געלייענט היינט די רעדע פון קאַשען,
האָסטו געוויס דאָס ווערטל דאָרט געטראָפן:
„ווער עס וויס דעם גוטן גאַנג, יענער קאָן נאָך האָפן".

אַ דינער שנייעלע שיט און שיט,
מיר שפּאַנען בײדע מיט קליינע טריט...
און ווידער זאָגט צו מיר מיין פריינט:
עפּעס ביסטו בייז און ברוגז היינט...

דורך ווייסן שניי,
דורך ראָזער שיין
איך ענטפער אים אַזוי:
— עס טוט מיר זייער וויי און ס'טוט מיר זייער באַנג
פאַר מיין ערשטן שלעכטן גאַנג!...

זאָל זיין געבענטשט

זאָל זיין געבענטשט די לויטערע מינוט,
וואָס האָט מיך שטיל און קלאָר אַזוי דערהויבן.
געשאָנקען מיר אי מענטשלעכקייט, אי גלויבן
אין שריפט אין הייסן פון מיין יוגנט־בלוט...

אָט־די רגע, אָט־די לויטערע מינוט,
ווען גענומען האָט מען זידלען מיך און לויבן,
אין די שורות קוקן, ווי אין ריינע שויבן
ווי זעט עס אויס: שלעכט איז דאָ, צי גוט...

אָט די רגע, ווען איך בין שטיל פאַרבליבן,
פעסטער צוגעדריקט דעם דראַנג פון ליפּן
און געלייטערט לענגער מיין געמיט,

ווען איבער מיר איז ליכטיק אויפגעגאַנגען
אומטדיקער אַנזאָג פון געזאַנגען,
אָט די רגע פון מיין ערשטער ליד!

1930

מאיאַקאָווסקין

איר זייט אַוועק —
ווי איר אַליין דערציילט —
אין גאָר אַן אַנדער וועלט.
דאָס בלוטיק האַרץ
מיט קאַלטן בליי פאַרריגלט.
און מער וועט איר ניט שטיין שוין אויפן שוועל
פון דעם געבוי,
וואו ס'ליגן אייערע נאָך פרישע ציגל...

צוואַנציק יאָר!
אַ ליכטיקער סך־הכל,
עס לייגט זיך וואָרט און טאַט,
ווי טראָפּ נאָך טראָפּ.
אין גאָרער הויך,
געגעבן זיך אַ וואַקל,
אויף אַ רגעלע
אַ פאַל געטאָן אַראָפּ

און זיך אַליין פון אונדז אַוועקגערויבט.
אַ רויב אַזאַ
איז דאָ אין לעבן איין מאָל,
אויב עמיצן אַ צווייטן
וואָלט עס זיין דערלויבט,
איז אייך עס ניט דערלויבט געווען קיינמאָל...

איר דאַרפט עס ניט,
דאָס קולעכל
פון לירישן באַוויינען,
ווי איר דאַרפט שוין ניט
דעם שטורעם
און דעם ווינט.

איר האָט ליב אַ וואָרט,
וואָס ברעכן זאָל געשטיינער,
אַ וואָרט אַזאַ,
וואָלט איר אַליין געזאָגט אַצינד...

די לעצטע רגע
ווער וועט אונדז דאָ לייזן?
אַ לעבן שפּרייזט אַדורך
אין רום און רעש.
איר האָט געברומט צו אונדז
פון מרידה און דערלייזונג
און אָפּגעגעבן זיך
אויף ווערן גאָר
אַ הויפן אַש...

איז גרויס דער פּאַרדראָס,
טוט אונדז טויזנט מאָל באַנג.
אַוועק און פאַרפאַלן
אין האַסטיקן ריס,
זאָל אייך אַ דענקמאָל זיין
— ווי איר אַליין פאַרלאַנג —
די קומענדיקע טעג פון קאָמוניזם...

10טן אַפּריל, 1930

זעגענונג

איך זיץ און ברעד די שוועבעלעך אין האַנט
אין דיין פירקאַנטיקן און קאַלטן צימער —
מאַיאַקאָווסקיס בילד קוקט אַראָפּ פון וואַנט
און לאַכט, דאַכט זיך, פון דער ליבע דער אינטימער...

דו קלייבסט זיך פאָרן אויפן ווייטן מזרח
אָדער געענטער אַביסל קיין סיביר,
נו, וואו מען דאַרף זיין, דאָרטן איז מען —
ווער קאָן עס ברוגז זיין אויף דיר.

דער הימל איז געוויס דאָרט קאַלט און בלוי
און גרויס און זילבריק זיינע ווינטערדיקע שטערן,
דו, שיינע, שלאַנקע, שוויגעוודיקע פרוי —
ואַלסט אונטער פראָסט באַרעדעוודיקער ווערן!

און ס'ענטפערט מיר דיין שוויגן אויף צוריק:
— אַז ביסט אין אַרבעט שטענדיק גינציק,
אַז יעדער איינער זוכט זיך אויס זיין גליק
אין אָט דעם אָרט, וואו ער געפינט זיך.

איך זיץ און ברעד די שוועבעלעך אין האַנט,
אַ גאַנצער הויפן העלצלעך — סאַראַ שרעק איז!
צען טויזנט קילאָמעטער אין אונדזער לאַנד
איז, טייערע, ניט פון די קליינע שטרעקעס...
1932

אויף דער וואַך

כ׳בין ווידער וואַך אַ נאַכט אַ גאַנצע,
איך שטעל זיך אויף, איך זעץ זיך צו —
אַרום איז וואַלד און נאַכט און רו.

עס גייט אין פינצטערניש די צווייטע שעה,
נאָר ווייסע פלעקן פון די בײדלעך שײנען דאָ.

עס שלאָפט דער לאַגער איצט „סאָוועטישע ווייסרוי־
לאַנד״,
עס שלאָפן רויטאַרמייער איצט,
און איך בין וואַך,
כ׳שטיי גרייט צו ראַפּאָרטירן —
פאַר יעדן עלטערן, וואָס קומט בײנאַכט דאָ אָן:
— דעזשורנער איבער דיוויזיאָן!
— דעזשורנער איבער דיוויזיאָן!

און ווילט זיך שלאָפן מיר, עס קלעפּן זיך די אויגן,
נעם איך אַרויס פון קאָבור דעם נאַהאַן, — — — —
זיבן קוילן ליגן פעסט אין באַראַבאַן,
פערצן קוילן אינעם שײדל ביי דער זייט
וואַרטן זייער ריי און וואַרטן זייער צייט.

און כ׳לאָז זיך איבער לאַגער גיין:
איך קום אַריין אין טונקלער קיך,
עס קאָכן דאָ די קעסלען שוין,
עס גרייט דער פרישטיק זיך.
כ׳נעם ברויט אַ שטיק, טונק איין אין זאַלץ:
— ס׳איז אַלץ איין אָרדענונג!
אין אָרדענונג איז אַלץ!
אַרום איז וואַלד און נאַכט און רו.

איך לאָז זיך ווייטער גיין און גיי צום פערד־שטאַל צו.
די פערד, זיי וויסן זייער אָפּרו־צייט,
די פערד, זיי ליגן אויף דער רעכטער זייט
און אָטעמען און הויך אַזוי,
אַז כ׳קאָן די טאַקטן ציילן:
איינס, צוויי,
איינס, צוויי...
זיי זיינען זאַט געווים און אונטערבעטנס אויך גענוג
(„היט דעם פערד!״ — האָט אונדז פאַרזאָגט בודיאָני).

איך טו אַ קוק, —
זיי זיינען אויסגעוואַשן ריין,
איך גיב אַ גלעט די פעל, די קלאַרע,
און ביים אויפראַמער אַ פרעג:
— ווי פילט זיך אונדזער שקאַפּע העלדישע אוראַרע?

איך גיי צוריק.
דער ווייסער ליוונט פון די ביידלעך איז אַראָפּגעלאָזן,
און ס׳טונקען זיך די ברעגן אין פרישן טוי פון גראָזן,
עס הויבט זיך אָן דער טאָג.
דער הימל איז היינט בלוי און קלאָר,
עס שלאָגן אינדערלופטן עראָפּלאַנען.
און איבער קאָפּ אַלץ הילכיקער דאָס רוישן פון מאָטאָר.
דער הימל איז היינט בלוי און קלאָר,
אַ טאָג אַ וועלטענער פאַר אַעראָפּלאַנען.

און ס׳יאָגט שוין
ווזוואָד נאָך ווזוואָד,
און ס׳הערט זיך

טראָט נאָך טראָט,
אַהין, אַהין אין אָפן פעלד —
עס שטייען די האַרמאַטן אויסגעשטעלט.
און שטילער אַלץ דאָס רוישן פון מאָטאָר,
און העכער אַלץ נאָר די קאָמאַנדע קלאָר:
פייער!
פייער!
פייער!
עס רייסן זיך סנאַריאַדן אין דער הויך
אויף הימלס בלוי אין קליינע ווייסע רויכן.
מיר קאָנען צילן שוין,
מיר קאָנען טרעפן שוין,
ס'וועט אונדזער קויל דעם פיינטס אַעראָפּלאַן דערגרייכן,
און ביז צו אים דערטראָגט זיך הויך דאָס קול:

— פאַר דרייסטקייט רויטאַרמייאישער,
— פאַר העלדישקייט,
— פאַר ניכטערן פאַרשטאַנד.
— פאַר פעסטע גרענעצן אין לאַנד,
— צום לעצטן שלאַכט
— אויף לעבן און אויף טויט!
— מיר זיינען אַלע גרייט!
מיר זיינען שטענדיק גרייט!

1932

איך קום אין געסט

איך קום אין געסט צו דיר אַזייגער צען,
דיין טייער קינד ווערט דעמאָלט איינגעשלאָפן.
איך שטרעק דיר אויס אַנטקעגן ביידע הענט
און לאָז נאָך זיך די טיר אַביסל אָפן.

אַ קליינער לאָמפּ באַלויכט דעם לאַנגן טיש,
עס ליגן צייטונגען פאַרפולט מיט נייסן,
דער פייער ווערט מיט טונקלקייט צעמישט,
און דורכן פענצטער — ווינטערדיקע ווייסקייט...

דאָס גאַנצע לאַנד רעדט איצטער וועגן ברויט,
און אינעם הויז — פון נייטיקער באַזאָרגונג.
עס איז אין צימער דאָ ווי אויסגעשפּרייט
די רייד פון נעכטן און די רייד אויף מאָרגן.

דיין מאַן איז ערגעץ אין אַ וויַטן דאָרף,
און שלאָגט זיך בלוטיק דאָרט פאַר דער פאַרגרייטונג,
און ס'ווערט אונדז ביידן ווי די שאַרפקייט קלאָר:
ניט בלייבן וועט אַ לאַנד אָן ברויטן.

ס'דערגרייט צו מיר דיין טאָכטערס גוטער שלאָף,
דו ביזט אַ פרוי און זיצסט אַזוי באַשיידן.
ס'דערגייט צו מיר דיין טאָכטערס גוטער שלאָף
און כ'שעם זיך אינדערהויך עפּעס צו ריידן.

כ'קריך צוריק אַריין אין אַלטן פעלץ,
באַגלייטסט מיך ביזקל טיר ווי שטענדיק,
עס וואַרט אויף מיר אַ פראָסטיק־ווייסע וועלט,
אַ שניי אַ ליכטיקער, וואָס בלענדעט...

1933

אָט אַזוי מיר טראָגן זיך

אָט אַזוי — מיר טראָגן זיך, מיין ליבער,
מעג דער וועג ווי זיין פאַרשטעלט.
אויב אַ האַרמאַט — איז פון דעם מעכטיקסטן קאַליבער!
אויב אַ לעבן — איז אַדורך זאָל עס די וועלט!...

פאָרסטו אום אַזוי און וואַנדערסט,
ס׳באַגלייט פרימאָרגנדיקער טוי,
ביז דו קומסט קיין אַלעקסאַנדראָווסק
און פון דאָרט קיין דניעפּרבוי.

און די וואַסער־קאַמען רוישן
און דער וואַסער־דראַנג יאָגט אָן,
קוקסט זיך איינעט, ווי עס טוישט זיך
וואַסער אויף עלעקטרע־שטראָם.

און די אויגוסט־זון צעשיינט זיך
און דער גרינער סטעפ צעקוועלט.
דאָס יאָר, דאָס שווערע פון אוקראַינע
ווישט איצט אָפּ דאָס פעטע פעלד.

טראָגט דער צוג דיך אויפן צפון,
דער סטעפ איז אָפּגעשניטן גלאַט
און עס פרייט דיין אויג דיין אָפּנס,
וואָס דאָס לאַנד וועט ווערן זאַט.

און עס פרייט דיין אויג דיין אָפּנס,
און דיין פנים ווערט באַשטראַלט,
ביים ווייסן ים איצט אויפן צפון
ווערט פאַרענדיקט דער קאַנאַל.

שטענדיק קאָסטן מענטשן־לעבנס
יעדער נייער, ווייטער קער.
ווען ס׳איז אַ סך געגעבן,
פון יענעם ווערט געפאָדערט מער.

איז געטראָגן זיך אויפסניי, מיין ליבער,
מעג דער וועג ווי זיין פאַרשטעלט.
אויב אַ האַרמאַט — איז פון דעם מעכטיקסטן קאַליבער!
אויב אַ לעבן — איז אַדורך זאָל עס די וועלט!...

א. לונאטשארסקי

טויט,
האסט זיך ווידער באוויזן
אין א רעמל א שווארצן,
און ס׳ווייעט א פראסטיקער
קאלטער פארדראס —
די ווערטער פון צייטונג
לייגן זיך אויס אויפן הארצן
מיט יעטווידן טונקעלן אות.

איר האט נארוואס פון פראנקרייך
אונדז הארציק געשילדערט
דאס פארגאנגענע לעבן
פון א גרויסן אקטיאר —
זאל מיט אייך געשען גאר
א זאך אזא ווילדע —
שטארבן
אין טויזנט ניין הונדערט
דריי און דרייסיקטן יאר...

דאס לאנד אינעם זיבצענטן
געווען איז אין ברענען,
זייט איר געפארן,
געריטן, גערעדט.

האט איר געוואלט נאך,
אז „וואסילי בלאזשעני״
זאל בלייבן א דענקמאל
פון די אלטע שטעט.

ניט גרינג איז צו זיין
דער ערשטער אין רייען,
און בלייבן אויף שטענדיק
און אייביק גערעכט!
נו, האט איר געליבט אויך
קונסט־גאלערייען,
לאזט זיך אויס:
ס׳איז ניט אזוי שלעכט!

אָט זע איך, אייך, שטייט איר
פאַר אונדזערע אויגן,
עס הערט אייך די יוגנט
אין אַ מאָסקווער זאַל —
איר האַלט אייער קאָפּ
אָן אַ זייט אָנגעבויגן
און ירשנען, זאָגט איר,
דאַרף מען ניט אַלץ...

עס פליט אייער וואָרט
אַלץ ווייטער, געשווינדער
און פלאַטערט ריין
ביז טיף אין דער נאַכט —
ניט יעדערער קאָן
די רעוואָלוציע פאַרבינדן
מיט דער גאַנצער שיינקייט
פונעם קינסטלער־פאַך.

איר ווישט אויסעט די ברילן,
גייט אַראָפּ פון דער בינע.
מע שיט ניט ביי אונדז
קיין לאָרבער־קרענץ —
ס'האָט זעלטן ווי איר
ווער געקאָנט נאָך געפינען
דאָס פאַסיקע וואָרט
פאַר דער אינטעליגענץ.

נאָר איינס, קאָמיסאַר,
קאָן איך אייך ניט פאַרגעבן —
אייער מאַכט איז אויף ווייסן
געווען פאַרשפּרייט,
פאַרוואָס־זשע האָט איר
פאַר אייער אייגענעם לעבן
דעם טויט ניט געטויט...

1933

האַרבסט

דורך מיין פענצטער קוקט דער קלאָרער האַרבסט,
די פולע לבנה רייסט זיך דורך די שויבן,
עס איז געוועו איבגאַנצן אומדערוואַרט
אין טיפן האַרבסט אַזאַ מין רעגנבויגן.

נאָר די בלעטער פאַלן פאָרט אויף דר׳ערד
(דאָס איז איך קלאָר און טויזנט מאָל באַשריבן),
איך קוק זיך צו נאָר און איך הער:
צי ס׳איז פון זומער עפּעס וואָס פאַרבליבן...

אַן אַנטאָגער עפּל ליגט איצט אויפן טיש,
און מיינע ציין צו אים זיך ציען,
זיין קלאָרער זאַפט האָט גוט מיך אָפּגעפרישט
און דערמאָנט אָן ערשטער פרילינג־בליאונג.

איך האָב מיט דורשט געגעסן אָט־די פרוכט,
און ס׳ליגט דער טעם פון טרויבן אויף די ליפּן.
נאָר אַלעמאָל, ווען רייפקייט דו פאַרזוכסט,
איז שוין פון בליאונג קיין סימן ניט פאַרבליבן.

דער קלאָרער האַרבסט אין גרויסן דרויסן קילט,
די בלעטער פאַלן ריאיק פון די צווייגן,
די לבנה לויכט אינגאַנצן שטיל
און הויבט זיך אויף אין ווייסן שטייגן.

1936

נ י י - י אָ ר

איך ווייס ניט, נאָך וואָס און וואוהין
מיך פירן די הימלישע בלויען.
כ'האָב פאַרלאָרן מיין קלאָרקייט פון זין —
סאַראַ ווּיסטער בזיון!

איך הער ניט מיין אייגן געשריי,
מיין קול — גלייך איך וואָלט אים פאַרגעסן.
אָט ליגט אויף דער ערד נאָר אַ ווייסינקער שניי,
און די שטערן, די קלאָרע זיך לעשן.

מיר האָבן אַ נאַכט דאָ פאַרבראַכט זאַלבעצענט,
היימלעך אַזוי זיך צעזעגנט,
וואַרעם געדריקט די נאָענטע הענט
און אַוועק אין באַזונדערע וועגן.

עס קלאָרט שוין דער הימלישער ראַנד,
באַלד וועט שטאָט פונעם גליווער זיך רירן.
איך פיל די קעלט פון מיין ציטריקער האַנט,
מיינע פיס — גלייך איך וואָלט זיי פאַרלירן...

ס'איז אַ ליכטיקער ניי־יאָר פאַרביי,
און ס'צעגייט זיך דער ווייַן אין די גלידער,
און ווי אַלע יאָר בענק איך אויפסניי
נאָך נייע באַקאַנטע און נאָך לידער.

פושקינען

שיט אַ שניי אויף אַלע וועגן,
יאָגט דאָס פערד אונדז אין גאַלאָפּ,
פּושקין פליט אַרויס אַנטקעגן
מיט זיין שטראַלנדיקן קאָפּ.

ס'האָט זיין פּנים דורכגעלויכטן
אויף דער גאָרער ווינטער־ערד,
פון דער נידער ביז די הויכן
ווערט זיין ליד אַצינד געהערט.

קלינגט זיין וואָרט, און אַלע הערן
ס'גאַנצע לאַנד פון קליין ביז גרויס
און עס זינגען מיט די שטערן,
פונעם דיכטערישן ברויז.

שיטן שנייען, דרייען שנייען,
ווער האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט ?
יענע פינצטערע ראַסייע
איז אַוועק שוין פון דער וועלט.

ס'איז דאָס האַרץ פון דיכטער אָפן,
ס'איז דאָס האַרץ פון דיכטער קלאָר,
ס'האָט דער דיכטער דאָך געטראָפן,
ער איז העכער פון זיין דור.

און דערפאַר איז ער געפאַלן
פון אַ וויסטער פרעמדער קויל
און די קאַלטע ווינטער־שטראַלן
האָבן אָנגערירט זיין מויל.

און די הענט זיי נעמען פרירן
און עס הערט זיך אַ געבעט,
צווי זשאַנדאַרמען, זעט מען, פירן
אונדזער טייערן פּאָעט.

ליגט זיין קערפּער אויף אַ וואָגן,
ס׳ליגט זיין קערפּער צוגעדעקט.
ס׳זאָל קיין קלאַנג זיך ניט צעטראָגן
און אין פאָלק נאָך ניט אַוועק.

הונדערט יאָר איז אַזוי ווינציק,
הונדערט יאָר איז אַזוי פיל,
ס׳האָט זיין ליד געדינט אונדז גינציק
מיט זיין וואָרט און זיין געפיל.

טראָגט דאָס לעבן אונדז דורך פייער,
יאָגט די ערד אונדז אין גאַלאָפּ,
וואָס איז עכט, — בלייבט אייביק טייער!
וואָס איז פאַלש — פאַלט שטענדיק אָפּ.
יאַנואַר 1937

מאַדריד

אַן אַעראָפּלאַן וואָלט זיין מיין ליד,
צי אַ האַרמאַט וואָלט זיין מיין ליד,
וואָלט עס געוויס באַשיצט מאַדריד,
וואָלט עס געוויס פאַרהיט מאַדריד.
טאָ פלי, טאָ פלי, מיין ליד!

עס קריכט און פויזעט אַלץ די שלאַנג,
און יעדע רגע ציט זיך לאַנג,
און יעדע רגע קאָסט אונדז בלוט,
און ס׳פייניקט יעטווידע מינוט.

דאָס שפּאַניש פאָלק אין בלוט פאַרגייט,
נאָר ס׳שרעקט ניט אָפּ דאָס פאָלק דער טויט,
שטייט אויף דאָס פאָלק ניט ס׳ערשט מאָל,
ניט זיין זאָל מער דאָרט ווי אַמאָל.

עס וויגט זיך אום אַצינד די ערד
און פאַר די אויגן פאָכט די שווערד,
און מיטן פיינט דער קרייץ־צוג גייט,
און מיטן פיינט קומט אָן דער טויט.

מיר האָבן אויך געהאַט אַ שלאַכט,
דער פיינט האָט אויך ביי אונדז געלאַכט,
נאָר ס׳שפּאַנט דאָס פאָלק און ווערט ניט מיד,
געהערן דאַרף צום פאָלק מאַדריד.
טאָ פלי, טאָ פלי, מיין ליד!

יוגנט

זי האָט זיך געטראָגן אויף טויזנטער וועגן,
מיין טייערע יוגנט, אין בלוטיקן לויף,
מע איז ניט אַרויס איר אַנטקעגן
מיט ברויט און מיט זאַלץ פון יעטווידן הויף.

זי האָט זיך געטראָגן מיט אויגן צעשטראַלטע,
מיט באָרוועסע פיס אויף דער נאַקעטער ערד, —
ס׳האָט קיין קויל און קיין שפּיז ניט געקאָנט זי
פאַרהאַלטן,
דאָס קלאַפּן פון האַרץ האָט זיך הויך נאָר געהערט.

זי האָט זיך געטראָגן פאַרביי אַלע צאַמען,
די ציין און די ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט,
געקומען מיט וואונדן, געקומען מיט שראַמען, —
מיין טייערע יוגנט פאַרבליבן איז פעסט.

פאַרבליבן איז פעסט און אויפסניי שוין און ווידער
זי פליט אין די הימלען, זי שטייט אויף דער וואַך,
פאַר פרייהייט פון שפּאַניע, פאַר פרויען מאַדרידער
גייט די באַטאַליאָן־קאָלאָנע די ערשטע אין שלאַכט.

דערמאָנט מיר זיך גלייך אָן די שטעטלעך פון פוילן,
אָן דער יידישער יוגנט, וואָס וואָגלט אין שרעק,
אָן דער יידישער יוגנט הונגעריק הוילע,
וואָס לאָזט זיך פון גרענעץ צו גרענעץ אַוועק.

פון איר שטוב, פון איר היים אין ערגעץ אַנטלויפט זי,
נאָך ברויט און נאָך אַרבעט וואַנדערט זי אום, —
עס קאָן דאָך אַ יוגנט ניט בלייבן פאַרצווייפלט,
זי קאָן ניט, זי טאָר דאָך ניט בלייבן שטום.

מיין טייערע יוגנט, — דאָס רופט זי זיך איבער
מיט דער ליידנדער יוגנט פון גאָר דער וועלט,
זי וועט, אויב מע דאַרף, אויך די גרענעץ אַריבער
אויף רוף, אויפן ערשטן אויסגעשריי: „העלפט״!

די אָקטיאַבערשע נאַכט איז הויך אויסגעשטערנט,
און יעטווידער שטערן מיר פינקלט אויפסניי:
מיין טייערע יוגנט, זאָלסט אַלט נאָר ניט ווערן!
זאָלסט בלייבן אויף אייביק, אויף שטענדיק זיך טריי!

1939

צום לעצטן מאָל

צום לעצטן מאָל בין איך אויף דעם וואָקזאַל,
כ׳פלעג פאָרן אָפט אַהער אין אויגוסט קלאָרן,
פון אויבן גיט אַ שטערן פינקלענדיק אַ פאַל,
ס׳האָט עמעץ איצט זיין מזל אָנגעוואָרן.

און איך מיט דיר מיר קלאָגן זיך ניט, פריינט,
די וועלט שטייט אָפן דאָ מיט אַלע אירע וועגן,
איינער פאַרן צווייטן זיך קיינמאָל ניט געפיינט
און פאַרשפאָרט אַן איבעריקן מאָל צו איבערפרעגן.

איך האָב מיין ליבע דיר געבראַכט אין וואַלד אַהער,
דערנאָך מיין פריינטשאַפט האָב איך דיר געגעבן,
וואָס דאַרף אַ מענטש אין אויגוסט חודש מער,
ווען רייף איז אַלץ אין זומערדיקן לעבן.

נאָר זי, די וועלט, זי גייט אונדז נאָך פוס־טראָט
און די לבנה קוקט אַרויס פון הימל־מיט.
דו ביסט אַ פרוי און דאָס איז ניט קיין סוד,
נאָר בייזע צינגער האָבן עס ניט אויסגעמיטן.

מיר האָבן היפש מיט דיר דאָס האַרץ זיך אויסגערעדט,
ווער קאָן אַ פריינטשאַפט דען צעשטערן,
עס הערט זיך ווייט ווי אונדזער פוס די ערד באַטרעט,
ווי ס׳וואַקסן אָן אין שטיל די מענטשלעכע באַגערן.

איך זעגן זיך מיט דיר ביים ברעג פון וואַלד,
איך לאָז זיך גיין צוריק מיט די סאָסנעס־רייען,
ווי קלאָר די נאַכט איז איצט, אַזוי איז קלאָר אונדז אַלץ,
נאָר וואַרפסט צוריק אַ בליק און בלייבסט אַ ווײַלע
שטייען.

אָט איז ער דער וואָקזאַל, אַ דאַך, אַ שטיקל וואַנט.
אַ שוועבעלע אַ צונד, אַביסל רויטקייט.
און ס'רוקט זיך דיר אַריין אַ קאַלטע האַנט:
איר פאָרט אַליין, צי איר באַגלייט נאָר?

איך פאָר אַליין, ס'איז טיפע האַלבע נאַכט,
לבנה, וואַלד און ווייטער גאָרניט,
דער מענטשלעכער געפיל שטייט איצטער אויף דער
וואַך,
און פאַרלירן דעם געפיל מע טאָר ניט.

1940

פאַראַן אַ בענקשאַפט

פאַראַן אַ בענקשאַפט איז ביי יעדן איינעם,
זאָג, וואו הויבט זי זיך די בענקשאַפט אָן ?
אַ צוג, אַ וועג אין ווייסע פליינען
נעם די יוגנט דיינע זיך דערמאָן.

קוק זיך אום אַזוי אַהינטער,
וועסטו גלייך פאַר זיך דערזען :
מאָסקווע־שטאָט, אַ ווייסן ווינטער
און דיין יוגנטלעכן ברען.

ווי דו יאָגסט איבער די סקווערן,
און די שיין דיין טראָט פאַרפלייצט,
און דו ווילסט פון גאַרניט הערן
נאָר פון יוגנטלעכן רייץ.

ניט געוואוסט און ניט פאַרשטאַנען,
נאָר דערפילט גלייך מיט דיין ברוסט
אַי פיקאַסאָן, אַי סעזאַנען,
אַי די דיכטונג, וואָס איז גוט.

מאַיאַקאָווסקי האָט געשריען
און יעסענין האָט געוויינט,
דו פלעגסט אויבעט אונטערציען
שטילערהייט אַ ליד אַליין.

אויף טווערסקאַיאַ, אויף די ראָגן
וואו די יוגנט איז פאַרביי,
שטענדיק פלעגסט זיך איליק טראָגן
פון געביי דאָ צו געביי.

און ניט זוייט האַרט אויף קליין־בראַנע
אויף אַ לייטער אויף אַ שטריק
פלעגט מיכאַעלס דיר דערמאָנען
אַן אַ ווייטן ייִדנס גליק.

דו פלעגסט וויינען, דו פלעגסט שמייכלען,
דו פלעגסט לאַכן אינדערהויך,
אויב דו האָסט נאָך ניט דערגרייכט עס,
דאַרפסטו דאָס דערגרייכן אויך.

איבער מאָסקווער שטרעקעס ווייסע,
גייסטו ווידער דאָ אַרום,
און ווי אַ וואונדערלעכע מעשׂה
קערט דיין יוגנט זיך איצט אום.

אַלץ איז איצטער דיר דאָ קלאָר שוין,
אַלצדינג איז דיר קלאָר,
נאָר טיף אין הארצן איז פאַרבאָרגן
יענער ערשטער מאָסקווער יאָר.

1940

איך האָב געזען

איך האָב געזען די זון פאַרגייט
אַפריער ווי אַן עפּל רויט.
דערנאָך אַ האַלבער עפּל וווּרט,
אַ רגע — זי איז שוין אויף דער ערד.
ס'איז אַזאַ הן אין דעם פּאַראַן,
ווי די זון פאַרגייט ביים שוואַרצן ים.

דו קוקסט זיך צו צום האָריזאָנט,
ער האָט דיך אַן אַ פריינט דערמאָנט.
דער רויטער פּאַס, די קילע שיין,
פון ווייַנטרויבן דער קלאָרער וויין,
גלייך מע זיצט זיך זאַלבעצאַנד
מיט פולע גלעזער אין דער האַנט.

נאָר עס איז דיין פריינט דאָ ניט פאַראַן,
עס איז אַ גרויסער שוואַרצער ים,
זיין קלאָרע וואַסער וויגט זיך אום,
די גרויסע כוואַליע איז איצט שטום —
ושטענדיק איז אַזוי די וועלט:
ס'איז עפּעס דאָ און עפּעס פעלט!

1940

פאַראַן איז פריינטשאַפט

פאַראַן איז פריינדשאַפט נאָך ביי אונדז,
איז דען מיין פריינדשאַפט גאָר ניטאָ מער?
אָפט זוכט מען פלעקן אויף דער זון,
אפשר טרעפט זיך עפּעס, פאָטער.

דו נעמסט דעם מענטשן ווי ער איז,
אויב ער איז אונדזער פריינט און חבר.
און שרעק זיך ניט, ווען אויף אַ שפּיז
ווערט אָפּגעלייגט אַביסל זשאַווער.

אַ סך און פיל האָבן געגרייזט,
ווער ווייניקער, ווער מערער,
טאָ שליס ניט צו פאַר דעם דעם קרייז
וועמעס וועג געווען איז שווערער.

ער האָט דורן שלאַכט־פעלדער אַהער
געבראַכט זיין אויסגעשטאָלטן ווילן
און מיטאַמאָל האָט ער דערהערט
עס ברעכן זיך געפילן...

אַליין דערשראָקן זיך פאַר דעם,
אַז ניט געקאָנט זיך גלייך באַשרענקען,
ביי אַ גרויסן קער און ווענד
פלעגט אַרויסטריפן זיין בענקשאַפט...

האָבן מיר פאַרגעסן ווער ער איז,
צי איז ער אונדזער פריינט און מחבר.
טרעפט אַמאָל דאָך אויף אַ שפּיז
ווערט אָפּגעליגט אַביסל זשאַווער,

טאָ שייער אָפּ און נעם אים מיט,
ער וועט נאָך גיין מיט אונדז אין שטרייטן.
ווייל יענעמס אָנגעבראָכענעם געמיט
דאַרף מען אויסגלייכן באַצייטנס...

1940

מען זאָגט מיר

מען זאָגט מיר אַלץ, דו שטייסט נאָך אָפּ
און שטענדיק בלייבסטו הינטערשטעליק,
עס ווערן שיטערער די קרויזן אויף דיין קאָפּ
און דו, דו שעמסט זיך גאָרניט, זעליק.

נו, וואָס־זשע, פרײַנט מיינע, פאַרגיט, פאַרגיט,
עס פאַלט אַמאָל פון הימל ניט קיין רעגן,
נאָר אפשר האָב איך טיף אין זיך פאַרהיט
דאָס גוטע ליד פאַר איערטעוועגן.

ווייל ס'טרעפט אַזוי, דו זיצסט ביים טיש,
דער לאָמפּ איז לאַנג שוין אויסגעלאָשן,
די לעצטע שטראַלן האָבן אָפּגעווישט
די נאַכט, וואָס האָט פון זיך ניט אָפּגעלאָזן.

און דו, פון יעדעס נייס, פאַרכאַפּט, גערירט,
אָבער אַרויסגעבראַכט האָסטו קיין וואָרט ניט,
און ס'בענקט דאָס ניט־פאַרשריבענע פּאַפּיר
נאָך קליינע אותיות און ווערטער־קלאָרקייט.

דערנאָך, אויף מאָרגן, מען קוקט דיר שוין אין מויל,
מען ציילט די לידער דיר אַזוי ווי ציינער,
און ס'כאַפּט אַרום אַמאָל אַ גרויל,
ווי ס'וואָלט ניט זיין אין מויל קיין צאָן, קיין איינער.

נאָר כ'ווייס געוויס, אַז הייניקס יאָר
וועט אַריבערשפּרייזן טיף אין ווייטע צייטן,
און אויסדריקן אים ווי אַ דיכטער קלאָר
ווייס איך אויך וואָס דאָס וואָלט איצט באַטייטן.

אָבער אויסדריקן אים קלאָר איצט קאָן איך ניט —
טרעפט אַמאָל, עס פאַלט פון הימל ניט קיין רעגן,
נאָר טיף, אין זיך האָב איך געוויס פאַרהיט,
דאָס מאָרגנדיקע ליד פאַר אייערטעוועגן.

1940